בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אֶרֶךְ אַפַּיִם

אִין דֶעם סֵפֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכַת אַפַּיִם. אוֹיךְ וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דֶעם סֵפֶר, אַז דֶער גַאנְצֶער עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אִיז נָאר מִיט דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, וְוִי מֶער סַבְלָנוּת מֶען הָאט, אִיז מֶען מֶער זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן זִיסֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן אוּן צוּ הַצְלָחָה, אוּן עֶס שַׁיינְט אוֹיף אִים דִי לִיכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עַד אֵין סוֹף וְתַכְלִית

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "אֶרֶךְ אַפַּיִם" פוּן

### כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

**To obtain this and other Breslov publications:**

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# אִינְהַאלְט

## הַקְדָמָה

אַ וָוארְט פוּן דִי מַעֲתִּיקִים.......................................................ה

## אַרַיינְפִּיר

דִי עִיקָר אִין לֶעבְּן אִיז סַבְלָנוּת..........................................יט

## פֶּרֶק א

סַבְלָנוּת פַּאר פַּרְנָסָה..................................................כב

## פֶּרֶק ב

סַבְלָנוּת פַּאר מֶענְטְשְׁן וָואס פִילְן בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן.........................לד

## פֶּרֶק ג

סַבְלָנוּת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת.................................................מט

## פֶּרֶק ד

סַבְלָנוּת פַּאר אַ בָּחוּר וָואס טְרֶעפְט נִישְׁט זַיין שִׁידוּךְ......................סד
אַ רוּף צוּ עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה מַאכְן זֵייעֶר קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט..סו

## פֶּרֶק ה

סַבְלָנוּת פַּאר עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט קִינְדֶער.................פה
סַבְלָנוּת פַּאר מְלַמְדִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, מַגִידֵי שִׁיעוּר.....................קד

אַן אוֹיפְקְלֶערוּנְג צוּ עֶלְטֶערְן מְכַבֵּד צוּ זַיין מְלַמְדִים.......................קז
סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר וֶועג.קט
סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ..........קטז
סַבְלָנוּת פַאר אַ יָתוֹם אוּן אַ יְתוֹמָה...........................................קיט
סַבְלָנוּת פַאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער...........................קכד
סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן וָואס אַ קִינְד אִיז זֵיי נִפְטָר גֶעוָוארְן.............קל

## פֶּרֶק ו

סַבְלָנוּת פַאר אַ קְרַאנְקֶע מֶענְטְשׁ...........................................קלד
דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בִּיקוּר חוֹלִים...........................................קלט

## פֶּרֶק ז

סַבְלָנוּת פַאר הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט.................קמב

## פֶּרֶק ח

סַבְלָנוּת פַאר דִי וָואס זֶענֶען מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן......קמח

## פֶּרֶק ט

סַבְלָנוּת צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה...................................................קעא
סַבְלָנוּת פַאר אַ בָּחוּר וָואס וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה...........................קפח

***

# הַקְדָמָה

## "אַ וָוארְט פוּן דִי מַעֲתִּיקִים"

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם צַדִיק, דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן לִיכְט, **רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת, וָואס מִיט דֶעם, קֶען יֶעדֶער יוּד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנ"ח): "מִיט אַ יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶתְ'ער עֶרְלִיכֶער יוּד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד", וַוייל אַ יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סַיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג ווִי

אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה, אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַּארְן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶתְ׳ער עֶרְלִיכֶער יוּד, אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ר״ט): אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַּאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן דֶערְפַּאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט, אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת, אוֹיךְ פַּאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת, אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם): מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען, דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט): ״וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ - אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!״, אֵיינְמָאל אִין אַ מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקמ״ג): ״אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט אַרוּמְפָאךְן צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן

אִיר זָאלְט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן יוּד אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נָאר עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף זֵיי (שָׁם): "אִיר זֶענְט טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער! פַארְוָואס גִיבְּט אִיר נִישְׁט אַרוֹיס פֵּירוֹת?! פַארְוָואס לֶערְנְט אִיר נִישְׁט אוֹיס אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע יוּדְן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, וָואס מִיט דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְש דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!".

נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד, **רֶבִּי נָתָן** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּם פָּארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע יוּדְן דִי לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין

לֶעבְּן, און בָּרוּךְ ה׳ זַיין מִיה און פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אומְזִיסְט, נָאר דורְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימודִים פונֶעם רֶבִּי׳ן און עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צושְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דור, הָאבְּן מִיר זוכֶה גֶעוֶוען צו אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז **כ״ק מָרָן מוהַרָא״ש שְׁלִיטָ״א**, וָואס אִיז זִיךְ שׂוין מוסֵר נֶפֶשׁ פופְּצִיג יָאר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס לִימודִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און בִּפְרַט מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קונְטְרֵסִים, וָואס זֶענֶען מְחַיֵּי׳ און מְחַזֵּק הונְדֶערְטֶער טויזֶענְטֶער יודְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט, דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה און שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצולָאזְן צו יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אִים אויפְצוהֵייבְּן און מְחַיֵּי׳ זַיין, אִים מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר קֶען נָאךְ אויךְ צוקומֶען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגְן אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוי אַ דורְךְ צו גֵיין דֶעם לֶעבְּן אויף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צו לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

דֶערְפַאר אִיז אוּנְז אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף, אִיבֶּער צוּ טַייטְשְׁן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "**אֶרֶךְ אַפַּיִם**" אוֹיף יוּדִישׁ, אַז עֶס זָאל זַיין גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער יוּדִישׁ. דֶער סֵפֶר "**אֶרֶךְ אַפַּיִם**", הָאט שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער יוּדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן דָא בְּרֶענְגְן, אִין קוּרְצְן, דִי בִּיאַגְרוֹפִיעֶ פוּנֶעם סֵפֶר, וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן.

וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׁמִירַת הַזְמַן", הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט צוּ מַאכְן אֵיין פֶּרֶק, וָואס זָאל זִיךְ רֶעדְן פוּן סַבְלָנוּת, וָואס אָן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טָאג, וַוייל אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג, אַלֶע מִינֵי שְׁוֶועְרִיקַייטְן, אוּן אָן דִי מִדָה פוּן "סַבְלָנוּת", אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל פַארְנַאכְטְס, נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעשְׁרִיבְּן כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן דֶערְנָאךְ דִי קוּמֶענְדִיגֶע גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אַזוֹי אִיז

פַּארְטִיג גֶעוָוארְן דֶער גַאנְצֶער מַאֲמַר, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס הָאט זִיךְ פַּארְצוֹיגְן אַזוֹי לַאנְג, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט, צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ בַּאזוּנְדֶער סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ הַקְדָמָה, אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶעם סֵפֶר "**אֶרֶךְ אַפַּיִם**". מוֹהַרְא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶעמָאלְטְס אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין, דֶער תִּיקוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעגֶעבְּן פַּאר רֶבִּי נָתָן אוֹיפְצוּזַיין אַ טָאג מִיט צְוֵויי נֶעכְט אִין אֵיין צִיה.

וֶוען מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דֶעם סֵפֶר, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערְסַאנְט, פַּארְוָואס פּוּנְקְט דֶער סֵפֶר הָאט גֶעמַאכְט אַזַא מַחְלוֹקֶת?! (שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ, חֵלֶק ב, עֶרֶךְ אֶרֶךְ אַפַּיִם).

מוֹהַרָא"שׁ הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס זַיין קִינְד אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן צוּ דִי מֶרְחַקִים אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט, בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

מִיט דִי צַייט, וֶוען דֶער זוּהְן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טַאטֶע אַז עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ הֶענְג-לַייכְטֶער, דֶער טַאטֶע הָאט צוּזַאמְגֶערוּפְן אַלֶע פַאכְלַייט וָואס קֶענֶען מַאכְן הֶענְג-לַייכְטֶערְס, אַז זֵיי זָאלְן זֶעהן דִי קְלוּגְשַׁאפְט פוּן זַיין זוּהן וָואס פַאר אַ גֶעלוּנְגֶענֶעם זוּהְן עֶר הָאט.

וֶוען דִי פַאכְלַייט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען, הָאט דֶער זוּהְן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ הֶענְג-לַייכְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, אוּן עֶר הָאט זֵיי עֶס גֶעוִוויזְן, אָבֶער עֶס אִיז זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפָאלְן דֶעם לַייכְטֶער, אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִימְט מִיט דִי נָאז, וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי קְרוּמֶען מִיט דִי נָאז, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער לַייכְטֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שֵׁיין, עֶס אִיז גָאר מִיאוּס.

דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּהְן: "וָואס מֵיינְט דָאס אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי לַאנְג זִיךְ גֶעלֶערְנְט צוּ מַאכְן הֶענְג-לַייכְטֶערְס, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אַזַא מִיאוּס'ן לַייכְטֶער?" הָאט דֶער זוּהְן גֶענְטְפֶערְט: "טַייעֶרֶע טַאטֶע, זָאלְסְט וִויסְן אַז אִין דִי לַייכְטֶער

לִיגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה, וַוייל אוֹיבּ דוּ הָאסְט בַּאמֶערְקְט, הָאט יֶעדֶער פוּן דִי פַּאכְלַייט גֶעקְרִימְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע טֵייל פוּנֶעם לַייכְטֶער, בַּיי אֵיינֶעם אִיז דֶער טֵייל גֶעוֶוען מִיאוּס אוּן אַן אַנְדֶער טֵייל גָאר שֵׁיין, אוּן בַּיים צְוֵוייטְן אִיז גֶעוֶוען פַּארְקֶערְט, דֶער טֵייל אִיז אִים גֶעוֶוען שֵׁיין אוּן דֶער אַנְדֶערֶע טֵייל אִיז אִים גֶעוֶוען מִיאוּס, אוּן עֶר הָאט גֶעקְרוּמְט דֶערוֹיף", אוּן דֶער זוּהְן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ הָאבּ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא לַייכְטֶער פוּן יֶעדֶעמְס חֶסְרוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת וָואס יֶעדֶער הָאט, אוּן נָאר פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי לַייכְטֶער, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעקְרוּמְט דֶערוֹיף, וַוייל יֶעדֶער הָאט דָארְט גֶעטְרָאפְן זַיין חִסָרוֹן, אָבֶער בֶּאֱמֶת קֶען אִיךְ מַאכְן גָאר שֵׁיינֶע הֶענְג-לַייכְטֶערְס".

הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם סֵפֶר "**אֶרֶךְ אַפַּיִם**", אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָארְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת פוּן יֶעדְן, וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוֹיפְן יֶעדְן פְּרַט וָואס גֵייט דוּרְךְ אִין לֶעבְן, אֵיינֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין, אֵיינֶער פוּן דִי וַוייבּ, אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער פוּן פַּרְנָסָה, אֵיינֶער

פוּן שְׁכֵנִים, אוּן אֵיינֶער פוּן חֲבֵרִים, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער גֶעטְרָאפְן אִינֶעם סֵפֶר זַיין פְּרָאבְּלֶעם, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט קְרִיגְן אוֹיפְן סֵפֶר, וַוייל דֶער אִיז גֶעוָוארְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהן וִוי דֶער סֵפֶר רֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט דָאךְ אַן עֶרְנְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אִין שָׁלוֹם בֵּית, אוּן אַזוֹי אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט קִינְדֶער, אוּן דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער רֶעאַגִירְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דִי מַחְלוֹקֶת.

אָבֶער דִי גְרֶעסְטֶע טֵייל פוּן דִי מַחְלוֹקֶת, אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט דִי מֶערְסְטֶע פַארְפִירְט, מִיט דִי טַעֲנָה, אַז עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם סֵפֶר, אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס צוּלִיבּ זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען אַנְטְלוֹיפְן זֵיי פוּן דֶערְהֵיים, אוּן זֶענֶען עוֹבֵר אוֹיף דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן נַשְׁגַ״ז רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן יֶענֶער הָאט פַארְפִירְט, הַיִתָּכֵן צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא וָוארְט אִין אַ סֵפֶר?! אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי עִיקָר מַחְלוֹקֶת.

אוּן בֶּאֱמֶת אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי טַעֲנוֹת, אִין דִי צַייט וָואס אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים רֶעדְן פוּן

דֶעם, אָבֶער דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען, וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶעהן ווִי יֶעדֶער רֶעדְט פוּן דִי נְקוּדָה וָואס שְׁטֶערְט אִים, וַוייל צוּם סוֹף אִיז מֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן, אַז דֶער וָואס הָאט אָנְגֶעפִירְט דִי מַחְלוֹקֶת הָאט אַלֵיין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעדְרוּקְט דֶעם סֵפֶר דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן גֶעוַואלְדִיגֶע נִיסִים, זַייעֶנְדִיג בַּיים דְרוּקֶער, הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פֵייעֶר אִין אַ דִירָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער זַיין דִירָה, אוּן דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעהִילְט אִין פְלַאמֶען, אָבֶער בְּחַסְדֵי ה' אִיז זַיין דִירָה גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, זַייעֶנְדִיג דֶעמָאלְטְס בַּיים דְרוּקֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן צוּ דֶערְצֵיילְן אַז זַיין הוֹיז בְּרֶענְט, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט, אַז דֶער ס"מ אַלֵיינְס וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף מַיינֶע בֵּיינֶער, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר, אָבֶער עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז דֶעם סֵפֶר דְרוּקְן!"

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ דֶעמָאלְטְס אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "עֶס וֶועט מִיר נָאךְ אַרִיבֶּערְגֵיין אַסַאךְ צָרוֹת צוּלִיבּ דֶעם סֵפֶר, אָבֶער אִיךְ וֶועל נִישְׁט נִתְפָּעל וֶוערְן פוּן

גָארְנִישְׁט, נָאר אִיךְ וֶועל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַ שְׁטַארְקַייט !" (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש, חֵלֶק א, עֶרֶךְ סַבְלָנוּת).

וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט אִיבֶּער גֶעדְרוּקְט דֶעם סֵפֶר צוּם דְרִיטְן מָאל, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם וָוארְט נַשְׁגַ"ז, צוּלִיבּ גֶעוִויסֶע זְקֵנִים וָואס הָאבְּן אִים אַזוֹי גֶע'עֵצָה'ט, כְּדֵי אָפְּצוּשְׁטִילְן דִי מַחְלוֹקֶת.

אֵיין טָאג וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶבִּי צְבִי אֲרִי' רוֹיזֶענְפֶעלְד זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אוּן רֶבִּי צְבִי אֲרִי' הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז עֶר אִיז נֶעכְטְן גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ זַיין דָא בַּיי אַ בְּרִית, אוּן הַיינְט נַאכְט פָארְט עֶר שׁוֹין צוּרִיק, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם אוּן רֶבִּי צְבִי אֲרִי' הָאט זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"ש, אַז עֶר זָאל אִיבֶּער דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֶרֶךְ אַפַּיִם" נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וַוייל דֶער סֵפֶר טוּט אוֹיף גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז מְחַי' אוּן מְחַזֵק טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַז צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם

סֵפֶר דֶער וָוארְט נַשְׂגַ״ז, אוֹיף דֶעם הָאט אִים רֶבִּי צְבִי אֲרִי׳ גֶעזָאגְט: ״וָואס?! דוּ מַאכְסְט דִיךְ צוּ טוּהן פוּן דִי מַחְלוֹקֶת?! דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ וֶועסְט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַּארְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם וָוארְט! אִיךְ וֵויים פוּן צֶענְדְלִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דַוְקָא פוּן דֶעם וָוארְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס וֵוייסְט וִויפִּיל מֶענְטְשְׁן דָאס וֶועט נָאךְ רַאטֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר דַארְפְּסְטוּ יֶעצְט אִיבֶּער דְרוּקְן נָאכְאַמָאל דֶעם סֵפֶר, אוּן צוּרִיק אַרַיינְלֵייגְן דֶעם וָוארְט מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת! אוּן אוֹיב דוּ וֶועסְט דָאס נִישְׁט טוּהְן בִּיזְטוּ עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִין!״

אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא״שׁ: ״יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעדַארְפְט אַזוֹי מַטְרִיחַ זַיין אַהֶערְצוּקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר פַאר אֵיין טָאג, נָאר דִיר צוּ טְרֶעפְן אוּן דִיר מְחַזֵק זַיין, אַז דוּ זָאלְסְט דְרִיקְן דִי וָוארְט, וָואס הָאט שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט אַסַאךְ יוּדְן, אוּן עֶס וֶועט נָאךְ רַאטֶעוֶוען נָאךְ!״, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מוֹהָרָא״שׁ, בִּיז מוֹהַרָא״שׁ הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט

בִּתְקִיעַת כַּף, אַז אִין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דְרוּק וֶועט עֶר עֶס צוּרִיק אַרַיינְלֵייגְן, אוּן אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא״ש טַאקֶע גֶעטוּהן.

אוּן מוֹהֲרָא״ש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז כָאטְשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוֹיפְן סֵפֶר, זֶעהט מֶען אָבֶּער אַז עֶס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל, וַוייל דֶער סֵפֶר אִיז אִיבֶּער גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל, אַ זַאךְ וָואס מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט אַז אַ סֵפֶר זָאל וֶוערְן אִיבֶּער גֶעדְרוּקְט אַזוֹיפִיל מָאל נָאךְ בַּיים לֶעבְּן פוּנֶעם מְחַבֵּר.

אוּן דֶערְפַאר אִיז אוּנְז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָ׳, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען עֶס אִיבֶּער צוּ טַייטְשְׁן אוֹיף יוּדִישׁ, אַז יֶעדֶער זָאל עֶס קֶענֶען לֶערְנֶען, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט סַבְלָנוּת, אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע צָרָה מֶען גֵייט נָאר אַרִיבֶּער.

אָבֶּער מִיר מוּזְן בַּאטָאנֶען, אַז כָאטְשׁ מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט פִיל כּוֹחוֹת אִיבֶּער צוּ טַייטְשְׁן דֶעם סֵפֶר, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן מְכֻוָן, אִיז דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט הָאבְּן טוֹעֶה גֶעוֶוען אִין גֶעוִויסֶע זַאכְן, אוּן

דֶערְפַאר אוֹיבּ טְרֶעפְט אִיר טָעוּתִים אִינֶעם סֵפֶר, זָאלְט אִיר עֶס לֵייגְן אוֹיף אוּנְז, אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן פְּשַׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּהן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע יוּדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיפְן וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**יואל בן ריצא רעכיל**

**מרדכי אהרן חיים בן חנה**

***

# אַרַיינְפִיר

## "דִי עִיקָר אִין לֶעבְּן אִיז סַבְלָנוּת"

טֵייעֶרֶע יוּד! אוֹיבּ ווילְסְטוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ הָאבְּן דִי טֵייעֶרֶע מִדָה פוּן סַבְלָנוּת, וָואס דָאס אִיז אַן עִיקָר אִינֶעם לֶעבְּן. סַבְלָנוּת דַארְף מֶען הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג, סַיי בַּיי פַּרְנָסָה, סַיי בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, סַיי אַ בָּחוּר וָואס וִויל אַ שִׁידוּךְ, סַיי פַאר דִי וָואס הָאבְּן צַעַר גִידוּל בָּנִים, א.ד.ג., וְויסְן זָאלְסְטוּ! אַז אַ יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס קֶען זִיךְ בַּארוּמֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן יִסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיוֹב יד): **אָדָם לְעָמָל יוּלָד** - אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ פְּלָאגְן, נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת ב, כג): **כָּל יָמָיו מַכְאֹבִים וָכַעַס** - דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאגְן אוּן כַּעַס. אֲפִילוּ עֲשִׁירִים אוּן קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יִסוּרִים אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי צָרוֹת, נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּם

אײבערשטן און לערנען תּוֹרָה. דערפֿאַר זאָלסטו האָבן אַסאַך סבלנות און אָן נעמען אַלעס וואָס עס גייט אַ דורך אויף דיר און אַלעס מקבל זיין באַהבה.

אַ ייִד דאַרף גלייבן אַז אַלעס וואָס עס גייט אַ דורך אויף אים איז פֿאַר זיין טוֹבה, אַזוֹי ווי חז״ל זאָגן (בּרכוֹת ס, ע״ב): **כָּל דְעָבִיד רַחֲמָנָא, לְטַב עָבִיד** - וואָס דער אײבערשטער טוהט איז גוט. זאָלסט דיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אײבערשטן און דו זאָלסט אים פֿאַרציילן אַלעס וואָס טוהט דיר וויי, ווייל עס איז נישט דאָ קיין אַנדערע עצה ווי אַזוֹי אַ מענטש קען זיך גרינג מאַכן דאָס לעבן, נאָר אויב ער שמועסט זיך אויס זיין האַרץ מיטן אײבערשטן, אויב טוהט דיר עפּעס וויי, גיי צום אײבערשטן און זאָג אים: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, האָב רחמנות אויף מיר, נעם מיר אַרויס פֿון מיין צָרָה, איך קען מיר נישט קיין עצה געבן, העלף מיר!״**, אַפילו די ערגסטע מענטש וואָס האָט געטוהן אַלע עבירוֹת אין די וועלט, קען אויך תּשובה טוהן און אַנטלויפֿן צום אײבערשטן אויב וועט ער אָנהייבן רעדן צו אים, ווייל דער אײבערשטער איז איבעראַל, די גאַנצע וועלט איז איין שטיק אײבערשטער, נאָר ער איז באַהאַלטן פֿון

אוּנְז. דֶערְפַאר פוּן אַלֶע מְקוֹמוֹת קֶען מֶען רֶעדְן צוּ אִים, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען לוֹיפְט צוּ אִים, וֶוערְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְנְס.

***

מוֹהֲרָא"ש נ"י זָאגְט: מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגְן אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי וֶועלְט אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אוֹיף דִי וַוייבּ אִין קִינְדֶער. אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס וְוי עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער דִי אֱמֶת אִיז אַז צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, וַוייל דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"ש, חֵלֶק א, סִימָן ו)

# פֶּרֶק א

## "סַבְלָנוּת פַאר פַּרְנָסָה"

אוֹיף דִי עִנְיָן פוּן פַּרְנָסָה, וָואס עֶס גֵייט אַ דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועֶרֶעקֵייטְן אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַ דוּרְךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז צוּם גוּטְנְס, מֶען דַארְף אַסַאךְ וַוארְטְן אוּן אָן נֶעמֶען דִי יִסוּרִים, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן. וִויסְן זָאלְסְטוּ! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט דִיר לוֹיט דַיין מַצָב, לוֹיט דַיין נְשָׁמָה אוּן אַלֶעס אִיז זִיכֶער לְטוֹבָה. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סג, ע"א): **כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ, כּוֹפְלִים לוֹ פַּרְנָסָתוֹ** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע צָרוֹת וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאפְּלְט מֶען אִים זַיין פַּרְנָסָה.

דִי עִיקָר צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּהט

אַלֶעס, עֶר מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין רַחֲ"ל (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן רנ), וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְש טוּהט עֲבֵירוֹת פַארְגֶעסְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָ' נט, ב): **אִם עֲוֹנוֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם** - וְוי מֶער דֶער מֶענְטְש זִינְדִיגְט פִילְט עֶר וְוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים. אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג, ע"א): **אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת** - אַ מֶענְטְש טוּהט נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה, נָאר אוֹיבּ עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ שְׁטוּת, וָואס מֵיינְט עֶס גֵייט אַרַיין אַ שְׁטוּת? עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען אַ מְשׁוּגָע'נֶער אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַלֶע צָרוֹת (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן קעב), אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה צוּ אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר וֵוייסְט מִיט אַ קְלָארְקַייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיבֶּערָאל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְטְן, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוארְט אוּן הָאפְט אוּן עֶר נֶעמְט אַלֶעס אָן, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען דָאפְּלְט זַיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶעס גוּטְס.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן! אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט גוּט זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן: "פַארְוָואס גֵייט מִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט? פַארְוָואס פּוּנְקְט פַאר מִיר? א.א.וו.", נָאר זָאלְסְט חַזֶר'ן כְּסֵדֶר דִי אֱמוּנָה אַז **כָּל דְעָבִיד רַחֲמָנָא, לְטַב עָבִיד** - וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּהט אִיז גוּט אוּן דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

דָאס דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְק אַריין קְרִיצְן אִין הַארְץ: "אַז אֲפִילוּ עֶס וֶועט אַ דוּרְךְ גֵיין אוֹיף מִיר בִּיטֶערֶע יִסוּרִים, וֶועל אִיךְ שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן חָכְמָה, וָואס אִיז חָכְמָה? אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. חָכְמָה שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיט צְוֵויי וֶוערְטֶער **כֹּחַ מַה** - מַיין כֹּחַ אִיז גָארְנִישְׁט, ווִי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ צוּ דֶעם? אַז מֶען שְׁוַוייגְט מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת, פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה יג): **סְיָג לַחָכְמָה, שְׁתִיקָה** - ווִי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ חָכְמָה? דוּרְךְ שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת

אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע חָכְמָה, מֶען זָאל וִויסְן כֹּחִי מַה, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי.

דָאס בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז און דָאס וֶועט מָשִׁיחַ בְּקָרוֹב מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. צוּ צוּקוּמֶען דָאס צוּ וִויסְן אִיז נָאר דוּרְךְּ אָן נֶעמֶען דִי יִסוּרִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט. עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ טוּהן נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, אוֹיב וֶועסְטוּ זִיךְ עַקְשְׁ'נֶען וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף צוּקוּמֶען צוּ אַ יְשׁוּעָה, וַוייל פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ב, ע"ב): **מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט אִינֶעם הַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיב וֶועסְטוּ פְרֶעגְן: פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט, עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען אַזוֹי שְׁוֶוער מַיין פַּרְנָסָה? און אִיךְ זָאל דַארְפְן כְּסֵדֶר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם? וִויסְן זָאלְסְטוּ! דָאס אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ און עֶר וַוארְט און גְלוּסְט

צוּ הֶערְן דַיין קוֹל ווי דִי בֶּעטְסְט דִיךְ צוּ אִים, וְוי אַ קִינְד בֶּעט זַיין טַאטֶע: "טַאטִי אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג!", וֶועגְן דֶעם הַאלְט עֶר צוּרִיק דִי פַּרְנָסָה פוּן דִיר, כְּדֵי צוּ הֶערְן וְוי דִי בֶּעטְסְט אִים. וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט וְוי דִי מִינוּט וֶוען אַ מְגוּשָׁם'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, וָואס לִיגְט אִין יִסוּרִים, פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, קוּמְט אוּן בֶּעט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, גִיבּ מִיר פַּרְנָסָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט, גְרָאסֶערִי, א.ד.ג."**.

חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי, בְּהַעֲלֹתְךָ, סִימָן לא): **רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר: מִפְּנֵי מַה לֹא הָיָה יוֹרֵד הַמָּן בְּפַעַם אֶחָד בַּשָּׁנָה?** - פַארְוָואס אִיז גֶעפַאלְן מָן אַ יֶעדְן טָאג, עֶס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען אֵיינְמָאל אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר? **כְּדֵי שֶׁיַּהַפְכוּ אֶת לִבָּן לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם** - כְּדֵי דִי יוּדְן זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. **מָשָׁל, לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְמֶלֶךְ שֶׁגָּזַר עַל בְּנוֹ לִהְיוֹת מְפַרְנְסוֹ פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה, וְלֹא הָיָה מְקַבֵּל פְּנֵי אָבִיו אֶלָּא בִּשְׁעַת פַּרְנָסָתוֹ** - אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט

גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר זַיין זוּהְן אֵיינְמָאל פַאר אַ גַאנְצֶע יָאר, אִיז דֶער זוּהְן גֶעקוּמֶען צוּם טַאטְן נָאר אֵיינְמָאל אַ יָאר, **חָזַר וְגָזַר עָלָיו לִהְיוֹת מְפַרְנְסוֹ בְּכָל יוֹם** - הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִים גֶעבְּן יֶעדְן טָאג פַּרְנָסָה כְּדֵי זַיין זוּהְן זָאל קוּמֶען צוּ אִים אַ יֶעדְן טָאג, **כָּךְ יִשְׂרָאֵל, הָיוּ בְּבֵיתוֹ שֶׁל אָדָם חָמֵשׁ זְכָרִים אוֹ חָמֵשׁ נְקֵיבוֹת הָיָה יוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה וְאוֹמֵר: שֶׁמָּא לֹא יֵרֵד הַמָּן לְמָחָר, וְנִמְצֵינוּ מֵתִים בָּרָעָב, יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיֵּרֵד, וְנִמְצְאוּ הוֹפְכִים אֶת לִבָּם לַשָּׁמַיִם** - אַזוֹי אוֹיךְ אַ יוּד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אֶפְשָׁר וֶועט נִישְׁט קוּמֶען הַיינְט קַיין מָן, אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גִיב מִיר עֶסְן!**". אַלֶע סִיבּוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דְרֵייט אַרוּם מִיט דִיר אִיז נָאר כְּדֵי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן טז). וָואס טַאקֶע דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דְרֵייט אַרוּם מִיט דִיר אוּן עֶר גִיבְּט דִיר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, בִּיסְטוּ זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּרָאבִּיר צוּ טוּהְן וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ כָּשֵׁר'ע אַרְבֶּעט עַל פִּי תּוֹרָה

איז גוט און אַז נישט טוה כָאטש עֶפֶּעס, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי, רְאֵה, סִימָן ע): **וּבֵרַכְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ, יָכוֹל יִהְיֶה יוֹשֵׁב בָּטֵל? תַּלְמִיד לוֹמַר: בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה** - עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן, זָאגְן חֲזַ"ל אוֹיף דֶעם, דַוְקָא וֶוען דִי וֶועסְט אַרְבֶּעטְן וֶועט דִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁן. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מט, ע"ב): **גְּדוֹלָה מְלָאכָה שֶׁמְּכַבֶּדֶת אֶת בְּעָלֶיהָ** - עֶס אִיז זֵייעֶר גוט אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט און דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן: "עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט צוּ אַרְבֶּעטְן!" וַוייל מִיר זֶעהן אַז דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים און אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט, הִלֵל הַזָקֵן הָאט גֶעהַאקְט הָאלְץ (יוֹמָא לה, ע"א), רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶענֵייט שִׁיךְ (פְּסָחִים קיג, ע"ב), רֶבִּי יְהוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּעקֶער (בָּבָא בַּתְרָא קסד, ע"ב), רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער (אָבוֹת פֶּרֶק ד), רֶבִּי יוֹסִי בֶּן חֲלַפְתָּא הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט הוֹיט (שַׁבָּת מט, ע"ב), רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרַייבֶּער (עֵרוּבִין יג, ע"א), רַב שֵׁשֶׁת הָאט גֶעטְרָאגְן בְּרֶעטֶער (גִּטִין סז, ע"ב), אַבָּא אוּמְנָא אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער (תַּעֲנִית כא, ע"ב), אַבָּא חִלְקִיָה הָאט בַּאַרְבֶּעט פֶּעלְדֶער (שָׁם כג, ע"א),

און נָאךְ אַסַאךְ תַּנָאִים און אֲמוֹרָאִים הָאבְּן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט עֶפֶּעס אַן עֵסֶק.

אוֹיב טְרֶעפְסְטוּ נִישְׁט קַיין שׁוּם אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן און אוֹיפְגֶעבְּן און טְרַאכְטְן: "אִיךְ מוּז שׁוֹין הָאבְּן אַן אַרְבֶּעט, אִיךְ וִויל שׁוֹין הָאבְּן גֶעלְט", וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סד, ע"א): **כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, שָׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ** - אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ וַוארְטְן, עֶר עַקְשָׁנְ'ט זִיךְ אַז עֶר מוּז יֶעצְט הָאבְּן, וֶועט עֶר צוּדְרִיקְט וֶוערְן פוּן דִי צַייט.

כָּל שֶׁכֵּן טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועקְפָאְרן אִין דִי מֶרְחַקִים פַאר פַּרְנָסָה, מַפְקִיר זַיין דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט, עֶס אִיז אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי צוּ זַיין אָרִים, וַוייל דוּ לָאזְט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, דוּ פָארְסְט פוּן אֵיין זַייט וֶועלְט בִּיז דִי אַנְדֶערֶע, עֶס גֵייט אַ דוּרְךְ שְׁוֶועְרֶע נִסְיוֹנוֹת, דַיין וַוייבּ וֵויינְט אוֹיף אִיר בִּיטֶערֶע מַזָל, אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין מַאן, דַיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען וִוי לֶעבֶּעדִיגֶע יְתוֹמִים, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף זֵיי, זֵיי בָּארְגְן זִיךְ גֶעלְט און דִי חוֹבוֹת פַארְמֶערְן זִיךְ בִּיז עֶס וֶוערְט אַזוֹי בִּיטֶער אַז מֶען וִויל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲ"ל.

דֶערפַאר זָאלְסְטוּ וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֶעה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וַוייל שִׂמְחָה עֶפֶענְט אוֹיף דִי מֹחַ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ יִשׁוּב הַדַעַת, אוֹיךְ בַּארוּהִיגְט עֶס דִי נֶערְוְון. זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, וַוייל אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט אוֹיף הַיינְט וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח, פַּרְשָׁה ב): **מִי שֶׁבָּרָא יוֹם בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ** - דֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי טָאג הָאט בַּאשַׁאפְן דִי פַּרְנָסָה אוֹיף דִי טָאג. אוֹיב קוּמְט דִיר אוּנְטֶער הַיינְט עֶפֶּעס אַ גֶעשֶׁעפְט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר דָאס צוּגֶעפִּירְט, אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס טוּהן, נִישְׁט טְרַאכְטְן: "דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מַיין כָּבוֹד". וֶוען דוּ וֶועסְט פַארְדִינֶען אַבִּיסְל גֶעלְט פַארְגֶעס גְלַייךְ פוּן נֶעכְטְן אוּן מָארְגְן, אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֶסֶד חִנָם וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעטוּהן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי בַּעַל בִּטָחוֹן, אַז עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָארְגְט וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, עֶר אִיז אַרוֹיס זוּכְן אַן אַרְבֶּעט אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר

גְלַייךְ גֶענוּמֶען מִיט שִׂמְחָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם טָאג, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי גֶעלְט אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה נָאכְדֶעם הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט צַייט צוּ עֲבוֹדַת ה׳. עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאט יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארָאכְטְן צוּבְּרָאכֶענֶע כֵּלִים, אֵיין טָאג הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אַ שְׁטַאל פוּן בְּהֵמוֹת, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעפִירְט הָאט עֶר גֶעטוּהן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ! אַז רוֹב צָרוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס דוּ הָאסְט פוּן פַּרְנָסָה, אִיז נָאר אִין דַיין מַחֲשָׁבָה וַוייל אוֹיף הַיינְט הָאסְטוּ דָאךְ גֶעלְט, נָאר דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ אַלֵיינְס, דוּ טְרַאכְסְט אַ גַאנְצְן צַייט: ״וָואס וֶועט זַיין? פוּן וִוי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר? פוּן וִוי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער? פוּן וִוי וֶועלְן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלְט? א.א.וו.״, אוּן דוּרְךְ אַסַאךְ דַאֲגוֹת וֶוערְסְטוּ צוּבְּרָאכְן בִּיז דוּ טְרַאכְסְט פוּן אַנְטְלוֹיפְן, דִי רוֹדֶפְ׳סְט זִיךְ אַלֵיין. דִי עִיקָר אִיז דִי מַחֲשָׁבָה, וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער

מֶענְטְשׁ (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן כא), **אוֹיבּ** טְרַאכְט עֶר פוּן שְׁמוּץ אִיז עֶר אַ שְׁמוּצִיגֶע מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר אַ צַדִיק, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: "עֶס גֵייט מִיר זַיין שְׁלֶעכְט", וֶועט אִים זַיין שְׁלֶעכְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ טְרַאכְט עֶר: "עֶס גֵייט זַיין גוּט", וֶועט אִים זַיין גוּט.

דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִים לז): **גּוֹל עַל ה' דַרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו וְהוּא יַעֲשֶׂה** - אֲפִילוּ מֶען הֵייסְט פַארְן מֶענְטְשׁ טוּהן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען טוּהט, אוּן טְרַאכְטְן אַז דִי אַרְבֶּעט בְּרֶענְגְט מִיר מַיין גֶעלְט, נָאר מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גִיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין צ, ע"א): **שֶׁאֵין אֻמָּנוּת שֶׁאֵין בָּהּ עֲנִיּוּת וַעֲשִׁירוּת** - עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַרְבֶּעט וָואס מַאכְט רַייךְ אָדֶער אָרִים, **שֶׁלֹּא עֲנִיּוּת מִן הָאֻמָּנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאֻמָּנוּת** - אָרִימְקֵייט אוּן רַייכְקַייט קוּמְט נִישְׁט פוּן אַרְבֶּעטְן.

נֶעם דִיר אַרַיין אוּן מֹחַ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז דַיין טַאטֶע אוּן עֶר וֶועט דִיר

גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד און זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת פון דַיין אַרְבֶּעט און זִיךְ פַּיינִיגְן אִין דֶעם, וַוייל דָאס טְרַאכְטְן און פַּיינִיגְן אִיז עֶרְגֶער פון דִי אָרִימְקֵייט אַלֵיין, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (עֵירוּבִין מא, ע״א): **מַעֲבִירִין אוֹתוֹ מִדַּעְתּוֹ וּמִדַּעַת קוֹנוֹ** - אָרִימְקֵייט מַאכְט אַרָאפְּגֵיין פון זִינֶען און עֶס פִּירְט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר פַארְגֶעס פון אַלֶעמֶען, טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מְפַרְנֵס זַיין טָאג טֶעגְלִיךְ.

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אַ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא, אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט דָאךְ לֶערְנְסְטוּ וַוייטֶער מִיט אַ חֵשֶׁק וָואס דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, כִּי תִּשָּׂא, פֶּרֶק כט): **כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, פַּרְנָסָתוֹ מִן הַתּוֹרָה, וּמִתְעַשֵּׁר וּמַצְלִיחַ** - וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט רַייךְ און אִיז מַצְלִיחַ, **שֶׁכֵּן אָמַר לִיהוֹשֻׁעַ: כִּי אָז תַּצְלִיחַ אֶת דְּרָכֶיךָ, מִתּוֹךְ אָהֳלוֹ זִמֵּן לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּייטָאג און בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

# פֶּרֶק ב

## "סַבְלָנוּת פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס פִילְן בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן"

אוֹיף דִי עִנְיָן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן שְׁוֶועֶרֶעקֵייטְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען פִילְט בַּיי זִיךְ וִוי מֶען אִיז גָארְנִישְׁט, כְּסֵדֶר פִילְט מֶען בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן, וָואס דָאס קוּמְט וַוייל מֶען הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט. עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעטוּהן גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירוֹת רַחֲ"ל אוּן צוּלִיבּ דֶעם פַאלְן זֵיי אַרַיין אוּן אַ יִאוּשׁ אוּן זֵיי גֶעבְּן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְיֵאוּשׁ פוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר טִיף אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲ"ל, כְּסֵדֶר פַאלְן זֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַ דוּרְךְ, וַוייל עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי דִי פֵייעֶר פוּן נִאוּף רַחֲ"ל, וָואס דַוְקָא דֶעמָאלְטְס בְּרֶענְגְט דֶער ס"מ אַרַיין אַ יִאוּשׁ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים אִינְגַאנְצְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מֵיינֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן.

דָאס אִיז דִי קוּנְץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן: "מִיר הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין". בְּאֱמֶת אִיז דָאס אַסַאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין, וַוייל אוֹיף דִי עֲבֵירָה קֶען מֶען דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט נִישְׁט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פו, ע"א): **גְדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד** - תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס גֵייט בִּיז דִי שְׁטוּהל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, שְׁמוֹת, פֶּרֶק יט, סִימָן ד): **אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לְבְרִיָּה אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, יֶעדְן נֶעמְט עֶר אָן, **הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס, יִכָּנֵס** - דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען אָפְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, שִׁיר הַשִּׁירִים, פֶּרֶק ה, סִימָן ג): **אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל: בָּנַי! פִּתְחוּ לִי פֶּתַח אֶחָד שֶׁל תְּשׁוּבָה כְּחֻדָּהּ שֶׁל מַחַט, וַאֲנִי פּוֹתֵחַ לָכֶם פְּתָחִים, שֶׁיִּהְיוּ עֲגָלוֹת וּקְרוֹנוֹת נִכְנָסִים בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אוּנְז: "קִינְדֶער עֶפֶענְט מִיר אַ קְלֵיינֶע לָאךְ פוּן תְּשׁוּבָה וִוי דִי שְׁפִּיץ פוּן אַ נָאדְל, וֶועל אִיךְ עֶנְק עֶפֶענֶען גְרוֹיסֶע טוֹיעֶרְן". נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר

טוֹב, תְּהִילִּים ה): **כִּי אֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וְעָשָׂה גְּדִישִׁין שֶׁל עֲבֵירוֹת, אוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: יַעֲשֶׂה אָדָם תְּשׁוּבָה, וּכְמִי שֶׁלֹּא חָטָא** - אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת זָאל עֶר תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן עֶס אִיז כְּאִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן? דוּ קֶענְסְט דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים גֶע׳טַעֲנֶה׳ט: "פַארְוָואס בַּאשַׁאפְסְטוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר גֵייט דָאךְ זִינְדִיגְן פַאר דִיר?" הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוּמְזִינְסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ בַּאשַׁאפְן תְּשׁוּבָה, זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּהן פַאר מִיר!". דֶערְפַאר אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲ"ל, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן", וַוייל אוֹיף אַלֶעס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, זָאלְסְט פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אוּן זָאג אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן**

**אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ וויל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ!"**, וֶועט דיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אוֹיבּ מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעהְסְטוּ אַז נָאכְדֶעם וָואס דוּ טוּהסְט תְּשׁוּבָה קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן מַאכְט דִיךְ נָאכְאַמָאל זִינְדִיגְן אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר דִי תַּאֲוָה זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס זֶעהט מַמָּשׁ אוֹיס אַז עֶס אִיז דֶערְנָאךְ מִיט דִיר אוֹיף אֵייבִּיג, בִּפְרַט דוּרְךְ דִי גְרוֹיסֶע חֲלִישַׁת הַדַעַת וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, דַארְפְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: "בִּיסְט גֶערֶעכְט אַז אַ יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אִיךְ טוּה אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, וֶועגְן דֶעם זָאל אִיךְ טוּהן נָאךְ עֲבֵירוֹת? אוּן נָאךְ פּוֹגֵם זַיין בַּבְּרִית?", אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לא, ע"ב): **אַל תִּרְשַׁע הַרְבֵּה**, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא: **הַרְבֵּה הוּא דְלֹא לִירְשַׁע הָא מְעַט לִירְשַׁע?** - נָאר אַסַאךְ שְׁלֶעכְטְס טָאר מֶען נִישְׁט טוּהן? **אֶלָּא מִי שֶׁאָכַל שׁוּם וְרֵיחוֹ נוֹדֵף, יַחְזוֹר וְיֹאכַל שׁוּם, וְיִהְיֶה רֵיחוֹ נוֹדֵף יוֹתֵר?!** - גִיבְּט דִי גְמָרָא צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל, צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעגֶעסְן קְנָאבְּל אוּן עֶס גֵייט פוּן אִים אַ גְרָאךְ, זָאל עֶר עֶסְן נָאךְ קְנָאבְּל וַוייל עֶר שְׁמֶעקְט שׁוֹין סַיי וְוי?! דֶער רֶבִּי

זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן קיב): **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן** - אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז מֶען קֶען טוּהן שְׁלֶעכְטֶס, גְלֵייבּ אַז מֶען קֶען פַארֶעכְטְן. אַוַודַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ תְּשׁוּבָה טוּהן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, און פַארְצֵיילְן אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ, אָבֶער נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי וֵוייטָאגְן פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, דוּרְךְ דִי קַשְׁיוֹת וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ.

אוֹיבּ זֶעהְסְטוּ אַ סֵפֶר וָואס אִיז זֵייעֶר מַחְמִיר אִין דִי זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי כַּוָונָה פוּנֶעם סֵפֶר אִיז נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר דִיךְ צוּ וַוייזְן דִי הַארְבְּקַייט פוּן דִי עֲבֵירָה אַז לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט טוּהן, אָבֶער אוֹיבּ הָאסְטוּ עֶס שׁוֹין גֶעטוּהן זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר תְּשׁוּבָה טוּהן. מֶען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת און נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת: "וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ טוּהן דִי עֲבֵירָה?", בִּפְרַט וֶוען דִי הָאסְט שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דִיר דָאס מֶער נִישְׁט צוּ טוּהן און לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן און דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּהן

די עֲבֵירָה, וָואס דֶעמָאלְסְט הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף זִיךְ: ״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן?״. דַארְפְסְטוּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי מִיט סַבְלָנוּת, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר טְרַאכְטְן: ״אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁעהן מִיט מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה!״.

עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ אֱמֶתְ׳דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן אָן דֶעם אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נֵייעֶם בִּתְמִימוּת וּפְשׁוּטוֹת, וֶוער עֶס גֵייט בִּתְמִימוּת וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: **הוֹלֵךְ בְּתוֹם יֵלֶךְ בֶּטַח**, וַוייל דוּרְךְ תְּמִימוּת וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל דוּ גְלֵייבְּסְט אַז מֶען דַארְף מַאכְן צִיצִית אוֹיף אַ קְלֵייד, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל צִיצִית, אוּן מֶען מֶעג נָאר מַאכְן אַכְט שְׁטְרִיקְן נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער, אַזוֹי בַּיי אַלֶע מִצְוֹת, וַוייל אַזוֹי וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָן קַיין טַעַם, דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַן עֲבֵירָה, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר תְּשׁוּבָה טוּהן.

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת אוּן דוּרְךְ דֶעם טוּעֶן זֵיי עֲבֵירוֹת רַחֲ״ל אוּן פִילְן בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן. מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי קַשְׁיוֹת, אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דִי עִנְיָנִים, נָאר כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. אַלֶע וָואס פִילְן זִיךְ גֶעפַאלְן אוּן זֶענֶען צוּמִישְׁט נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי קַשְׁיוֹת, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט טוּהְן קַיין עֲבֵירוֹת, נָאר מַחֲמַת דֶעם וָואס מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי עִנְיָן פוּן יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה, קוּמֶען זֵיי צוּ צוּ קַשְׁיוֹת רַחֲ״ל. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַסַאךְ פֶּעלֶער: עֶס זֶענֶען דָא וָואס הֵייבְּן בִּכְלַל נִישְׁט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם זֵיי טוּעֶן נָאךְ פַארְקֶערְט, אַזוֹי ווִי דִי רְשָׁעִים אוּן דִי פּוֹרְקֵי עוֹל רַחֲ״ל, דָאס קוּמְט פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְדְרֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט יְדִיעָה דָאס הֵייסְט: עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי עִנְיָן פוּן יְדִיעָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט מַיין עֲבוֹדָה, פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע דֵיעוֹת פוּן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים אוּן פּוֹרְקֵי עוֹל רַחֲ״ל. אֲפִילוּ דִי בַּעֲלֵי תַּאֲווֹת וָואס וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט פוּן קַיין חֲקִירוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז זֵייעֶר יֵצֶר הָרָע אוֹיךְ פוּן דִי קַשְׁיוֹת.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זֶענֶען מְקַיֵּים מִצְוֹת, דַאוְוענֶען בְּכַוָּנָה, לֶערְנֶען, נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי אַבִּיסְל אוֹיפְגֶעהֶערְט און וֶועגְן דֶעם זֶענֶען זֵיי צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם אִיז דָא וָואס הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַאוּשׁ גֶעוֶועןְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז אַסַאךְ מָאל ווילְן זֵיי זַיין זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, און עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים. זֵייעֶר יֵצֶר הָרָע אִיז אַ פַארְקֶערְטֶע פוּן דִי רְשָׁעִים, זֵייעֶר יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי עִנְיָן פוּן בְּחִירָה אַז אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען נָאר אִינֶעם מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר אִין עֲבוֹדַת ה׳ אִיז גֵיין בִּתְמִימוּת, אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְלֵייגְן דִי חָכְמוֹת, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דִי פְּלָאנְטֶער פוּן יְדִיעָה און בְּחִירָה, גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א, סִימָן כא), גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אוּנְז און אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינֶעמֶען דָאס אִין

דִיר, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן גֶעפַאלְן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ! פוּן אֵיין זַייט אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִיר, דוּ בִּיסְט מְחִיוּב צוּ טוּהְן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט, דַאוְוענֶען, לֶערְנֶען, אוּן טוּהְן מִצְוֹת. פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט דַארְפְסְטוּ וִויסְן, אוֹיבּ בִּיסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וַוייל אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַזוֹי הָאט גֶעדַארְפְט זַיין. אַ יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּהְסְט וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, אוּן עֶס טוּהט זִיכֶער אוֹיף אִין אַלֶע וֶועלְטְן וָואס עֶס דַארְף אוֹיף צוּ טוּהְן, אֲפִילוּ דוּ זֶעהסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין קמב, ע"א): **הֲרֵי שֶׁאָמַר לוֹ אָבִיו עֲלֵה לְבִּירָה וְהָבֵא לִי גּוֹזָלוֹת, וְעָלָה וְשִׁלַּח אֶת הָאֵם, וְלָקַח אֶת הַבָּנִים וּבַחֲזָרָתוֹ נָפַל וּמֵת** - אַ טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין קִינְד: גֵיי בְּרֶענְג מִיר פֵייגְלֶעךְ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטוּהן דִי מִצְוָה פוּן שִׁלוּחַ הַקֵן, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן, **הֵיכָן אֲרִיכוּת יָמָיו שֶׁל זֶה, וְהֵיכָן טוֹבָתוֹ שֶׁל זֶה?** - וִוי אִיז דִי אֲרִיכַת יָמִים פוּן אִים? וִוי אִיז זַיין גוּטְס וָואס וַוארְט אוֹיף

אִים? חֲזַ״ל זָאגְן דָארְט אַז אַחַר הָאט דָאס גֶעזֶעהן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר צוּ גֶעקוּמֶען צוּ כְּפִירוֹת רַחֲ״ל. וֶועגְן דֶעם וֶוען דוּ טוּהסְט אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם, אוּן דוּ זֶעהסְט אַז עֶס גֶעשֶׁעהט פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין בִּלְבּוּלִים אוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר טוּהן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

אַזוֹי אִיז דָא מִצְוֹת אוּן הַנְהָגַת טוֹבוֹת, וָואס חֲזַ״ל זָאגְן אַז דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי צִיצִית (בַּמִּדְבָּר טו, מ): **לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי.** אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי תְּפִילִין (שְׁמוֹת יג, ט): **לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה׳ בְּפִיךָ.** אוּן דוּ זֶעהסְט אַז דוּ טוּסְט אָן צִיצִית אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט דִיר וַוייטֶער זִינְדִיגְן, דוּ טוּהסְט אָן תְּפִילִין אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט וַוייטֶער אִין דִיר, זָאלְסְטוּ וֶועגְן דֶעם אוֹיסְטוּהן דִי צִיצִית אוּן נִישְׁט לֵייגְן קַיין תְּפִילִין חַס וְשָׁלוֹם? זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין שְׁמַדְ'ן?! לֵיידֶער הָאבְּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי תּוֹרָה צוּלִיבּ אַזֶעלְכֶע קַשְׁיוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, עַל פִּי רוֹב

הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי פַארְדְרֵייטֶע לִימוּדִים מִיט חוּמְרוֹת שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן, און צוּלִיבּ דֶעם זֶענֶען זֵיי צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, און אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין, עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער גֶעוָוארְן קַשְׁיוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען בִּלְבּוּלִים, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן פּוֹרְקֵי עוֹל רַחֲ"ל.

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדְן, מֶען הֵייבְּט אָן מִיט דִמְיוֹנוֹת, מִיט שְׁטוּתִים, און וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דִמְיוֹנְ'ט זִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען ווִיל שְׁפִּירְן, אָדֶער אַז מֶען זֶעהט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס עֶס וֶוערְט פוּן דִי תּוֹרָה און מִצְוֹת, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת, בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ פַּאלְט מֶען אַרַיין מִיט מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲ"ל, עֶס וֶוערְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר בִּיטֶער מֶען וֶוערְט צוּמִישְׁט בִּיז מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וִויסְן מִיט אַן אֱמֶת אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס חֲזַ"ל זָאגְן זֶענֶען אֱמֶת, נָאר מִיר קֶענֶען נִישְׁט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין.

אֵיין פוּן דִי זַאכְן וָואס חֲזַ"ל זָאגְן דִי סְגוּלָה פוּן דִי מִצְוָה, אִיז מִצְוֹת צִיצִית, אַז עֶס הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ צוּ

רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִאוּף, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל בְּרֶענְגֶען אַ מַעֲשֶׂה (מְנָחוֹת מד, ע״א): **מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה זָהִיר בְּמִצְוַת צִיצִית** - עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען נִזְהָר אוּן מִצְוֹת צִיצִית אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נִסָיוֹן פוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, **וְבָאוּ ד׳ צִיצִיּוֹתָיו וְטָפְחוּ לוֹ עַל פָּנָיו** - אִיז גֶעקוּמֶען דִי צִיצִית אוּן הָאט אִים גֶעקְלַאפְּט אִין פָּנִים אוּן אִים דֶערְמַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען דוּ זֶעהסְט אַז דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית אוּן דוּ טוּהסְט יָא עֲבֵירוֹת, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אִיז אֵיינִיג אִין דֶעם, עֶס אִיז דָא אַזַא אֵיינֶער וָואס דִי יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין אִים אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ עֶר טוּהט אָן צִיצִית הֶעלְפְּט עֶס אִים אוֹיךְ נִישְׁט, מִיט דֶעם אַלֶעם מוּזְטוּ זַיין גֶעוָוארְנְט אִין דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, אוּן אוֹיב דוּ זֶעהסְט אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט דִי יֵצֶר הָרָע, אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט כָאטְשִׁיג בְּלַייבְּן מִיט דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אוּן נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פַארְפַאלְן וֶוערְן, קֶען זַיין מִיט דִי צַייט פוּן אַסַאךְ אַרוּמְגֵיין מִיט צִיצִית אוּן נָאךְ מִצְוֹת וָואס דוּ טוּהסְט לְמָשָׁל צְדָקָה, וֶועט דִיר יָא גֶעלוּנְגֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר צוּ זַיין אוֹיף דִי יֵצֶר הָרָע.

חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, אַחֲרֵי, פֶּרֶק כא, סִימָן ה): **אִם עָשִׂיתָ חֲבִילוֹת שֶׁל עֲבֵירוֹת, עֲשֵׂה כְּנֶגְדָן חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְוֹת** - אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעטוּהן אַסאךְ עֲבֵירוֹת, טוּה קֶעגְן דֶעם אַסאךְ מִצְוֹת, וַוייל אֲפִילוּ פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ, וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן קַיין שׁוּם גוּטְס, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד, יא): **הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד** - מִיט אַ יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּהט, בַּאשַׁאפְט עֶר אַ נֵייעֶ מַלְאָךְ.

מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַ דוּרְךְ פַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען, וֶוער וֵוייסְט פוּן וָואס פַאר אַ וֶועלְט דוּ קוּמְסְט אוּן וָואס פַאר אַ גִלְגוּל דוּ בִּיסְט אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט אַלְץ מְתַקֵן זַיין, וַוייל אִין דֶעם עִנְיָן אִיז דָא זֵייעֶר אַסאךְ סִיבּוֹת אָן אַ סוֹף וָואס אִיז פַארְהוֹילְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין פַארְהוֹילְן פוּן דִיר, אִיז כְּדֵי עֶס זָאל נָאךְ זַיין אַ בְּחִירָה, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דְרֵייט אַרוּם מִיט דִיר אוּן עֶר שְׁטֶעלְט דִיר אַרַיין אִין דַיין שְׁוֶועעֶרע מַצָב, אִיז אוֹיס בְּחִירָה.

דו זָאלְסְטוּ טוּהן וָואס דו הָאסְט צוּ טוּהן בְּתְמִימוּת וּפְשׁוּטוּת און זָאלְסְט אַלֶעס אָן נֶעמֶען זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ דו זֶעסְט אַז דו בִּיסְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער יוּד, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיינְס, וַוייל דִי גוּטְס וָואס דו טוּהסְט וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אֲפִילוּ אַ גוּטֶע ווִילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אָדֶער אַבִּיסְל לֶערְנֶען וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען און אַ מִצְוָה וָואס מֶען טוּהט, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט פוּן דַיינֶע מַעֲשִׂים, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּהט מִיט דֶעם, אֶפְשָׁר נִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע עִנְיָן מֶער פוּן וָואס דו הָאסְט גֶעוָואלְט. און אַוַודַאי אַז דו וֶועסְט גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים זָאגְן:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דו מֵיינְסְט אִיךְ ווִיל זִינְדִיגְן? אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן! דִי יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, עֶר מַאכְט מִיר מְשׁוּגָע, עֶר מַאכְט אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד!"**, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלֶען וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט מִיט דִי תְּפִילָה.

װען דו זעהסט אין אַ ספר אַז װער עס טוהט די מנהג אָדער מצוה איז זוכה צו עפּעס אַ זכות און דו באַקומסט דורך דעם אַ התעוררות צו טוהן די מצוה און למעשה נאָכן טוהן זעהסטו אַז דו האָסט דאָס נישט באַקומען, זאָלסטו נישט צוקלאַפּט װערן און האָבן קשיות אויפן איבערשטן, װײל װער װײסט אפשר האָט דער איבערשטער דאָס אַרויפגענומען אויף אַ העכערע פּלאַץ פאַר אַ גרעסערע תיקון, מען טאָר נישט מהרהר זיין אויפן איבערשטן און אויף די װערטער פון חז״ל, װײל אַלע זייערע װערטער זענען אמת, אײ איך זעה עס נישט? דאָס איז צוליב די בחירה און עס מוז אַזוי זיין. דערפאַר בעט איך דיר פאַרגעס פון אַלעס װאָס עס איז געװען און הײב אָן אַ נײע התחלה, זײ שטאַרק בײ דיר קוק נישט װאָס עס איז געװען, זעה צו טוהן מצות פרײליכער הייט, לערן און דאַװענען, די עיקר זאָלסטו זיך צו געװוינען אויס צו שמועסן דײן האַרץ צום איבערשטן און אַלעס װאָס עס גײט אַ דורך אויף דיר, דורך דעם װעסטו זוכה זײן זיך צו דערהאַלטן אַ גאַנץ לעבן.

***

# פֶּרֶק ג

## "סַבְלָנוּת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת"

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן זֵייעֶר וַוייבֶּער אוּן צוּלִיבּ דֶעם ווִילְן זֵיי זִיךְ גֶטְ'ן, אָבֶּער עַל פִּי רוֹב קֶענֶען זֵיי דָאס נִישְׁט טוּהן, וַוייל דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט, אָדֶער וַוייל עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִי וֶועלְט, אָדֶער וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא פוּן זַיין טַאטֶע א.א.וו., וֶועגְן דֶעם לֶעבְּן זֵיי מִיט יִסוּרִים, אוּן שְׁטֶענְדִיג קְרִיגְן זֵיי זִיךְ אַרוּם, דִי הוֹיז קוּקְט אוֹיס ווִי אַ גֵיהִנוֹם, מֶען שֶׁעלְט זִיךְ אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן רַחֲ"ל, מֶען שְׁרֵייט מֶען וֵויינְט, עֶס פְלִיעֶן חֲפֵצִים פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן נָאכְדֶעם אַנְטְלוֹיפְט מֶען אִינְגַאנְצְן פוּן דֶער הֵיים. עַל פִּי רוֹב וַואלְגֶערְן זֵיי זִיךְ אַרוּם פוּל מִיט יִסוּרִים, אוּן נָאכְדֶעם דְרֵייעֶן זֵיי זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִיאוּסֶ'ע מַחֲשָׁבוֹת, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אַסַאךְ מָאל פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲ"ל מִיט נַשְׁגַ"ז, וַוייל זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אִין שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעצֶער.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ אִיז דִי צָרָה דָאפְּלְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף זֵיי, זֵיי גֵייעֶן אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן אַלֶעס, עֶס טוּהט זֵיי וֵויי צוּ זֶעהן וִוי דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען דִי טַאטֶע אַנְטְלוֹיפְט פוּן שְׁטוּבּ בְּלַייבְּט אִיבֶּער אַ שְׁלֶעכְטֶע רוֹשֶׁם אוֹיף זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן, זֵיי לֶעבְּן מִיט הֶפְקֵרוּת אוּן צוּם סוֹף וָואס גֶעשֶׁעהט פוּן אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער? זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה רַחֲ״ל, זֵיי גַנְבְ׳נֶען, זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין נִאוּף, בִּיז זֵיי קוּמֶען אָן אִין תְּפִיסָה, דָאס אַלֶעס קוּמְט דוּרְךְ גֶעשְׁלֶעג אִין שְׁטוּבּ, אוּן דוּרְךְ נִישְׁט גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אַלֶעס פַארְוָואס? עַל פִּי רוֹב הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי מַחֲלוֹקֶת מִיט אַ שְׁטוּת, מִיט אַ גָארְנִישְׁט.

לָאמִיר דִיךְ פְּרֶעגְן: ״אִיז דָאס דִי עֵצָה צוּ לֶעבְּן אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן? אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען גֶטְ׳ן, אָבֶּער וֶוער וֵוייסְט אֶפְשָׁר מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ וֶועט דִיר זַיין עֶרְגֶער וִוי מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ? זִי וֶועט דִיר אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט וִויסְן וִוי זִיךְ אַהִינְצוּטוּהן״,

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט עַל פִּי רוֹב אַז בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ ווִיפִיל מֶען טוּהט פַאר אִיר אִיז נִישְׁט גֶענוּג, בִּפְרַט אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעוָוארְנְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ אַזוֹי וִוי זֵיי זָאגְן (גִטִּין פט, ע"ב): **כָּל הַמְגָרֵשׁ אִשְׁתּוֹ רִאשׁוֹנָה** - וֶוער עֶס גֶט זִיךְ פוּן זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, **אֲפִלּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד עָלָיו דְּמָעוֹת** - אֲפִלוּ דִי מִזְבֵּחַ וֵויינְט. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (יְבָמוֹת סג, ע"ב): **אֵין אָדָם מוֹצִיא קוֹרַת רוּחַ** - אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין פַארְגֶעניִגְן, **אֶלָּא מֵאִשְׁתּוֹ הָרִאשׁוֹנָה** - נָאר פוּן זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ.

אִיז דֶען דָאס דִי וֶועג? צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן מִיט מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶעריֶיעֶן, טְרַאכְטְן אוּן זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף דַיין וַוייבּ, אוֹיף דִי יִסוּרִים וָואס דוּ לַיידְסְט פוּן אִיר אוּן טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועֶן פוּן אִיר, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה, נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: **בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִים אִתּוֹ**, זָאגְן חֲזַ"ל (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנז): **אוֹיְבָיו זוֹ אִשְׁתּוֹ** - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל טוּהן גוּטְס פַארְן מֶענְטְשׁ, גֵייעֶן זַיינֶע פֵיינְט אוֹיךְ מִיט אִים, אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף

אויף זַיין ווייבּ. אֲפִילוּ חֲזַ"ל פַארְצֵיילְן (שַׁבָּת יא, ע"א): **כָּל רָעָה, וְלֹא אִשָּׁה רָעָה** - אַ תַּנָא הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס קֶען אִיךְ דֶערְהֵייבְּן אָבֶּער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ. נָאךְ זָאגְן זֵיי (יְבָמוֹת סג, ע"ב): **אִשָּׁה רָעָה צָרַעַת לְבַעֲלָהּ** - אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי קְרֶעץ, **מַאי תַּקַנְתֵּיהּ?** - וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּהן אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ? **יְגָרְשֶׁנָּה וְיִתְרַפֵּא מִצָּרַעְתּוֹ** - זָאל עֶר זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִיר. אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע מָאל קֶען מֶען זִיךְ גֶטְ'ן, בִּפְרַט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער דֶעמָאלְטְס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער. חוּץ פוּן דֶעם וֶוער וֵוייסְט ווִי לַאנְג עֶס וֶועט דִיר נֶעמֶען צוּ טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע וַוייבּ, וֶוער וֵוייסְט אֶפְשָׁר וֶועט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער, בִּיז זִי וֶועט דִיךְ פַארְעֶקְלֶען פוּן לֶעבְּן.

דֶערְפַאר אוֹיבּ הָאסְטוּ צָרוֹת פוּן דַיין וַוייבּ אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט בַּארֶעכֶענֶען אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין עֶרְגֶערֶע צָרוֹת, בִּיטֶערֶער פוּן דֶעם, טְרַאכְט: "אֱמֶת אִיךְ מַאךְ מִיט צָרוֹת פוּן מַיין וַוייבּ, אִיז דֶען דִי וֶועג אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ? זִיךְ צוּ גֶטְ'ן?" אִין אֱמֶתְ'ן

דֶער רֶבִּי שַׁיינְט אַרֵיין אִין אַ יוּד אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שֵׂכֶל, עֶר אִיז מְגַלֶּה אוּן מְפַרְסֵם (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א, סִימָן פ): **כִּי עִיקַּר הַשָּׁלוֹם הוּא לְחַבֵּר שְׁנֵי הֲפָכִים דַּיְקָא** - אַז דִי עִיקָר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צַאמְצוּבְּרֶענְגֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן. וֶוען דוּ זֶעהסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן פַּארְקֶערְט פוּן דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מִיט אִים אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, נָאר אַדְרַבָּה דָאס אִיז דִי עִיקָר שָׁלוֹם אַז צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין בְּשָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל פוּן צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן פֵייעֶר אִין וַואסֶער.

כָּל שֶׁכֵּן אַ מַאן מִיט אַ וַוייבּ, וָואס בְּטֶבַע זֶענֶען זֵיי צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זֵיי זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֶעבְן צוּזַאמֶען. נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף זַיין דִי עִיקָר עֲבוֹדָה פוּנֶעם מַאן צוּ לֶעבְן בְּאַחְדוּת מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה צְוִוישְׁן זֵיי, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו, ע״א): **אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ** - דִי עִיקָר מִצְוָה פוּן דֶער מַאן, עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

אויף זָאלְסְטוּ וִויסְן! אַז מִיט שֵׁיינֶעם און מִיט לִיבְּשַׁאפְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט פוּן דִיר. וֶוען דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אָדֶער זִי בְּלָאזְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק שְׁרֵייעֶן אָדֶער צוּרִיק בְּלָאזְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל הֵייבְּט זִי אָן זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִיר וֶועגְן דִי צַעַר וָואס זִי הָאט פוּן דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁוַוייגְן און נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וֶועט זִי זִיךְ בַּארוּהִיגְן און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועסְטוּ צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת׳ע שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַּאר זַיין וַוייבּ זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין, אֲפִילוּ זִי שְׁרֵייט און זִי זָאגְט דִיךְ אַרַיין און קְרִיטֶעקִירְט דִיךְ, שְׁוַוייג! וַוייל מִיט שֵׁיינֶעם און מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אַלֶעס פּוֹעֶלְ׳ן, אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט אַמָאל אַסַאךְ צַייט, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועט זִי ווִילְן וָואס דוּ ווִילְסְט.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, דוּ זָאלְסְט זֶעהְן אַז פוּן דַיין זַייט זָאל אֵייבִּיג זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אֲפִילוּ זִי וֶועט מַאכְן שָׁאדְנְס

אִין שְׁטוּבּ א.א.וו., זָאלְסְטוּ אִיר דַן זַיין לִזְכוּת און זַיין מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זֶעהן אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, און דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶערְס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י, ע״א). אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ״ל (סוֹטָה יז, ע״א): **אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ** - אַ מַאן און וַוייבּ וָואס פַאַרְטְרָאגְן זִיךְ, **שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם** - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת בַּיי זֵיי. חֲזַ״ל זָאגְן: **כָּל הַמֵּשִׂים שָׁלוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ** - וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זַיין וַוייבּ, **כְּאִלּוּ מֵשִׂים שָׁלוֹם בְּיִשְׂרָאֵל עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד** - אִיז אַזוֹי וִוי עֶר מַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן יוּדְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (חוּלִין קמא, ע״א): **גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁבֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ** - בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּבּ וֶוען דִי מַאן און דִי וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ און קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, **שֶׁהֲרֵי אָמְרָה תּוֹרָה: שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדוּשָּׁה יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם** - אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהן אִין דִי תּוֹרָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: מֶעקְט אוֹיס מַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען אַבִּי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (שַׁבָּת קכג, ע״ב): **נֵר בֵּיתוֹ עָדִיף מִשּׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת** - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אָדֶער שַׁבָּת לִיכְט אָדֶער חֲנוּכָּה לִיכְט וָואס קוּמְט פְרִיעֶר? שַׁבָּת לִיכְט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת און בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִיז חָשׁוּבֶ׳ער אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן מֶער וִוי אַלֶע אוֹרוֹת פוּן חַנוּכָּה.

אוֹיבּ הָאסְטוּ נָאךְ אַלְץ צָרוֹת פוּן אִיר אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת, אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה זִיךְ צוּ גֶט׳ן אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, דוּ דַארְפְּסְט גֶעדֶענְקֶן וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (עֵירוּבִין מא, ע״ב): **מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אִשָּׁה רָעָה, לֹא יִרְאֶה פְּנֵי גֵיהִנּוֹם** - וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ וֶועט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵהִינוֹם. וָואס גֵיהִנוֹם אִיז, דַארְף אִיךְ דִיר נִישְׁט זָאגְן, עֶס שְׁטֵייט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים: אַלֶע יִסוּרִים פוּן דִי וֶועלְט פוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, קוּמְט נִישְׁט צוּ צוּ אֵיין בְּרִי פוּן גֵיהִנוֹם אוּן דוּרְךְ דַיין שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ וֶועְרְסְטוּ פָּטוּר פוּן אַלֶע עוֹנְשֵׁי גֵיהִנוֹם.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אָן דַיין וַוייבּ וָואלְט דִיר גֶעוֶוען אַסַאךְ בִּיטֶערֶער בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחֲנִיוּת?! אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר יֶעצְט, וֶועגְן דַיינֶע צָרוֹת, פַארְקֶערְט אַז אָן אִיר וָואלְט דִיר גֶעוֶוען גְרִינְגֶער, דָאס אִיז וֶועגְן דַיינֶע בִּלְבּוּלִים אוּן דַיין פַארְדְרֵייטְן מֹחַ, דִי תּוֹרָה זָאגְט דָאךְ (בְּרֵאשִׁית ב, יח): **לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ** - עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלֵיין!

בְּאֱמֶת דִי גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת, פֶּרֶק א, מִשְׁנָה ה): **וְאַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה** - דָאס הֵייסְט וָוען אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אוּן שְׁמוּעֶסְט אַלֶעס וָואס קוּמְט אִים אַרוֹיף אוֹיפְן צוּנְג מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר פַּארְצֵיילְט אִיר אַלֶעס וָואס אִיז דוּרְךְ אוֹיף אִים, אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער, אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, **גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ** - וַוייל זַיין וַוייבּ הֵייבְּט אָן אַרָאפּ צוּ קוּקְן אוֹיף אִים זִי קוּקְט אִים אָן אַלְץ אַ בַּטְלָן אַלְץ אַ שְׁלִימַזָל, **וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה** - וַוייל אִין דִי צַייט וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, **וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם** - אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר פַּארְצֵיילְט אִיר זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט אוּן זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער קוּמְט אַרוֹיס מַחֲלוֹקֶת, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ז, ע"א): **הַאי תִּגְרָא** - אַ קְרִיגֶערַיי, **דַּמְיָא** - אִיז צוּגֶעגְלִיכֶענְט, **לְבִדְקָא דְמַיָא** - צוּ אַ שְׁפַּאלְט אִין אַ פַּאס וַואסֶער, **כֵּיוָן דְּרָוַח רָוַח** - צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט בְּרֵייטֶער אוּן בְּרֵייטֶער דִי שְׁפַּאלְט, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי פַּאס, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מַחֲלוֹקֶת, עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ נַארִישְׁקֵייט, דִי וַוייבּ טְרַאכְט: עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא אוּמְגְלִיקְלִיכֶער וִוי מַיין מַאן, דִי מַאן טְרַאכְט: עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא אוּמְגְלִיקְלִיכֶער וִוי מַיין וַוייבּ. מֶען גֵייט אַרוּם בְּכַעַס

אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען מִישְׁט אַרַיין דִי עֶלְטֶערְן, וָואס דֶעמָאלְטְס פְּלַאמְט אוֹיף דִי פֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְט בִּיטֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. מֶען לוֹיפְט אַרוּם פְרֶעגְן עֵצוֹת פוּן חֲכָמִים חַכְמֵי כֶעלְם וָואס מֶען זָאל טוּהן, אַלֶעס וַוייל מֶען הָאט גֶערֶעדְט שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶערְפַאר אוֹיב ווילְסְטוּ הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן אוּן אַן אֱמֶתְ׳ע שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט רֶעדְן וָואס וֶוינִיגֶער אִין שְׁטוּב. אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶס דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה כ, ע״א): **רוֹצָה אִשָּׁה בְּקַב וְתִפְלוּת** - אַז אַ פְרוֹי וויל אַבִּיסְל עֶסְן אוּן אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן, **מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת** - ווִי אֵיידֶער אַסַאךְ עֶסְן אוּן אָן נַארִישְׁקֵייטְן. אָבֶער צוּם סוֹף וֶועט דַיין וַוייבּ אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן, אוּן זִי וֶועט זִיךְ מְבַטֵל זַיין פַאר דִיר, זִי וֶועט דִיךְ מְכַבֵּד זַיין, זִי וֶועט זִיךְ רִימֶען פַאר אִירֶע חַבֶרְ׳טֶעס אַז זִי הָאט אַ מַאן אַ צַדִיק אוּן אַ גְרוֹיסֶע מַתְמִיד.

דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְן דִי זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ אִיר, אֲפִילוּ זִי אִיז דִיךְ מְצַעֵר, זִי שֶׁעלְט דִיר, זִי שְׁרֵייט

אויף דיר, דָאךְ זָאלְסְטוּ אוּמְגֵיין מִיט אִיר מִיט לִיבְשַׁאפְט אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת און אִיר מְכַבֵּד זַיין, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין פד, ע"ב): **לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ** - אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר זַיין עֶסְן, **וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ** - און עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן קְלֵיידֶער לוֹיט וִויפִיל גֶעלְט עֶר פַארְמָאגְט, **וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ** - און עֶר זָאל גֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי דַארְף.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה, אֲפִילוּ זֵיי טוּעֶן דִיר אָפּ כָּל מִינֵי צָרוֹת, דָאךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִיר קַיין וָוארְט פוּן דֶעם וַוייל עֶס וֶועט אִיר זֵייעֶר וֵויי טוּהן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט אִיר וַוייל עֶס וֶועט אִיר זֵייעֶר וֵויי טוּהן, און חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט, ע"א): **לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ** - אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּעֶן זַיין וַוייבּ, **שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה** - וַוייל זִי הֵייבְּט זֵייעֶר שְׁנֶעל אָן צוּ וֵויינֶען. אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ אִיר, אֲפִילוּ זִי אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּן דִיר, דָאךְ

פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף צוּ אִיר מִיט שֵׁיינֶעם אוּן לִיבְשַׁאפְט, דוּ זָאגְסְט אִיר אַז דוּ וֶועסְט אִיר קוֹיפְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס זִי וִויל נָאר, (אוֹיב הָאסְטוּ גֶעלְט זָאלְסְטוּ טַאקֶע קוֹיפְן), דֶעמָאלְטְס וֶועט זִי סוֹף כָּל סוֹף אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן.

דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיב דוּ פַּארְטְרָאגְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ פַּארְצֵייל עֶס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ אוּן מַיין וַוייבּ זָאל מִיר לִיבּ הָאבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל מִיר נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ!"**, דֶעמָאלְטְס וֶועט זִי אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ב, יח): **אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ**. אוּן חֲזַ"ל דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (מֶדְרָשׁ רַבָּה, בְּרֵאשִׁית, פֶּרֶק ח, סִימָן יח): **זָכָה עוֹזַרְתּוֹ, לֹא זָכָה כְּנֶגְדּוֹ** - אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אִיז זַיין וַוייבּ מִיט אִים אוּן אַז נִישְׁט אִיז זִי קֶעגְן אִים. וַוייל אַלֶעס וֶוענְט זִיךְ אִין דִי מַאן, אוֹיב אִיז עֶר זוֹכֶה הֶעלְפְט זִי אִים, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן יד) חֲזַ"ל זָאגְן (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן ע):

וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּהן אוֹיבּ הָאט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ? זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן דָאס הֵייסְט עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל הָאבְּן אַ גוּטֶע וַוייבּ, אִיךְ וויל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ וויל לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ!"**.

דֶערְפַאר אַלֶע עֵצוֹת וָואס מֶען גִיבְּט דִיר פַאר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹכָן, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אֱמֶת, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, דִי פְּרוֹי גֵייט נָאךְ דִי מַאן, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה לט, ע"א): **מַעֲשֶׂה בְּאִשָּׁה אַחַת, שֶׁנִּשֵּׂאת לְחָבֵר** - עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ פְּרוֹי וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיינְס אָנְטוּהן תְּפִילִין, **וְהָיְתָה קוֹשֶׁרֶת לוֹ תְּפִילִין עַל יָדוֹ** - אוּן זִי הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אָנְטוּהן דִי תְּפִילִין, **וָמֵת** - אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, **נִשֵּׂאת לְמוֹכֵס** - הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְלֶעגְט אַיינְקֶעסִירְן שְׁטֵייעֶרְן אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גַנָב, **וְהָיְתָה קוֹשֶׁרֶת לוֹ קִשְׁרֵי מוֹכֵס עַל יָדוֹ** - אוּן זִי הָאט אִים גֶעהָאלְפְן טוּהן דִי שֵׁייגֶעץ שְׁטִיק. דָאס אִיז

דִי טֶבַע פוּן אַ פְּרוֹי מִיט דִי צַייט וֶועְרט זִי נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ אִיר מַאן.

דִי עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַלֶעס פַּארְצֵיילְן פַּאר אִים, אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת, אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, אָבֶּער פַּאר דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַּארְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער. זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר טְרֵייסְט וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פַּרְנָסָה, וָואס דָאס אִיז מֶערְסְטֶענְס גוֹרֵם אוֹיף מַחֲלוֹקֶת אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תְּמוּרָה טז, ע"א): **אִשָּׁה כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ, מִיַּד צוֹעֶקֶת** - אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶסְן אִין שְׁטוּבּ הֵייבְּט אָן דִי וַוייבּ צוּ שְׁרֵייעֶן, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ אִיר טְרֵייסְטְן אוּן אִיר זָאגְן: אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע טֶעג, דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, דוּ וֶועסְט קֶענֶען קוֹיפְן וָואס דוּ דַארְפְסְט, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט דִיר זַיין גוּט בְּזֶה וּבְבָא, דַיין וַוייבּ וֶועט אוֹיף דִיר מֵעִיד זַיין אַז דִי בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶע יוּד אוּן אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקלז): **אַשְׁרֵי אָדָם** - וואוֹיל

איז פַּאר אַ מֶענְטְשׁ, **שֶׁאִשְׁתּוֹ מְעִידָתוֹ** - וָואס זַיין וַוייבּ הַאלְט פוּן אִים, אוּן בַּארוּמְט זִיךְ אוּן זָאגְט: ״מַיין מַאן אִיז אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, עֶר פִירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף מִיט שֵׁיינֶעם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִיר, עֶר הָאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ״.

אֲפִילוּ אוֹיבּ נָאךְ אַלֶעם אִיז זִי שְׁלֶעכְט צוּ דִיר, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת פב, ע״ב): **אִשָּׁה הִקְנוּ לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם** - אַ וַוייבּ בַּאקוּמְט מֶען פוּן הִימְל, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט עֶס מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַסַאךְ צָרוֹת בִּפְרַט פוּן גֵהִינוֹם, וָואס דָאס אִיז שְׁוֶוערֶער פוּן אַלֶע צָרוֹת. דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע אֱמֶת׳ע אֵייבִּיגֶע גוּטְס בְּזֶה וּבְבָא אוֹיבּ וֶועסְטוּ אִיר נִישְׁט גֶטְ׳ן, דִי יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין אָן אַ וַוייבּ, וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן (נְדָרִים מא, ע״א): **בְּחֹסֶר כֹּל, בְּלֹא אִשָּׁה** - אָן אַ וַוייבּ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט. אוֹיךְ זָאגְן זֵיי (יוּמָא יח, ע״ב): **כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ אֵין יִצְרוֹ מִתְגַבֵּר עָלָיו** - אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּרֶענְט נִישְׁט אִין אִים דֶער יֵצֶר הָרָע אַזוֹי שְׁטַארְק.

***

# פֶּרֶק ד

## "סַבְלָנוּת פַאר אַ בָּחוּר וָואס טְרֶעפְט נִישְׁט זַיין שִׁידוּךְ"

טַייעֶרֶע בָּחוּר אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע צַעַר, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דַיין צַעַר ווַייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי ווֶועלְט אַזַא צַעַר, ווִי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר וָואס טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (הַאֲזִינוּ, דַף רצו, ע"א): **מַאן דְלָא אִשְׁתַּכַּח דְכַר וְנוּקְבָא אִקְרֵי פְּלַג גוּפָא** - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין ווַייבּ, אִיז אַזוֹי ווִי אַ הַאלְבֶּע גוּף, דָאס הֵייסְט אַ בָּחוּר אִיז גְלַייךְ צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל אִינְגַאנְצְן צוּשְׁנִיטְן, **וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וְחַסֵירָא אֶלָא בַּאֲתַר שְׁלִים** - אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גוּטְס בַּיי אַ בָּחוּר. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (יְבָמוֹת סב, ע"ב): **כָּל אָדָם, שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה, שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא תּוֹרָה, בְּלֹא חוֹמָה, בְּלֹא שָׁלוֹם** - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין ווַייבּ, אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן

עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכוֹת אוּן קַיין גוּטְס אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, בְּרֵאשִׁית, פַּרְשָׁה ח, סִימָן יז): **כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה, שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא כַּפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, אַף אֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם** - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ. אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא, דַּף קמה, ע"ב): **מַאן דְאִתְחַבֵּר דְּכַר וְנוּקְבָא אִקְרֵי אָדָם וּכְדֵין דְּחִיל חֲטָאָן** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט עֶר אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר טוּהט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, **וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְּשַׁרְיָא בֵּיהּ עֲנָוָה, וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְּשַׁרְיָא בֵּיהּ חֶסֶד** - אוּן עֶר וֶוערְט אַ עָנָו אוּן אַ בַּעַל חֶסֶד, **וּמַאן דְּלָא אִשְׁתַּכַּח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָא הֲוֵי בֵּיהּ לֹא יִרְאָה וְלֹא עֲנָוָה וְלֹא חֲסִידוּת** - אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶע יוּד.

אוּן נָאךְ זָאגְט דִי זוֹהַר (אַחֲרֵי, דַּף נט, ע"א): **בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתַּכַּח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחְמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא** - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דִי פָּנִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן נָאךְ זָאגְט דִי זוֹהַר (וַיִּקְרָא, דַּף ה, ע"א): **כָּל מַאן דְּלָא**

**אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא** - ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, **כָּל שִׁבְחָא אִתְעֲדוֹי מִנֵּיהּ** - הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטְס, **וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם** - אוּן עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ. אוּן נָאךְ שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית, דַּף נה, ע״ב): **בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתַּכְּחוּ דְּכַר וְנוּקְבָא כְּחַדָּא** - ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, **קֻדְשָׁא בְּרוּךְ הוּא לָא שָׁוֵי מְדוֹרֵיהּ בְּהַהוּא אֲתָר** - רוּהט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּיי אִים.

פוּן דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען זֶעהן דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, עֶס פֶעלְט אִים דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, דִי שְׁכִינָה רוּהט נִישְׁט בַּיי אִים, עֶר אִיז צוּמִישְׁט. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיב אִיז עֶר פּוֹגֵם אוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס אִיז אִים פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקְל בִּיטֶער אוּן שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר הָאט נִישְׁט פַאר וֶועם אוֹיסְצוּגִיסְן זַיין בִּיטֶער הַארְץ.

**דָא אִיז דִי פְּלַאץ אוֹיס צוּ שְׁרֵייעֶן אַ וֵויי גֶעשְׁרֵיי אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זוּכְן נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ פַאר זֵיי.**

עֶס אִיז דָא אַפָּאר סִיבּוֹת אִין דֶעם:

א. אַסאך עֶלְטֶערְן זָאגְן: מַיין קִינְד אִיז נָאךְ זֵייעֶר יוּנְג, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיר צוּ יָאגְן, וָואס דַארְף אִיךְ פַארְדְרֵייעֶן דִי קָאפּ פוּן מַיין קִינְד, אַרוֹיפְלֵייגְן אַן עוֹל אוֹיף זֵיי, (עֶס זֶעהֶען דָא וָואס זָאגְן דָאס, אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס אוֹיף דֶעם זֶעהֶען חֲזַ״ל מֵעִיד (קִידוּשִׁין כט, ע״ב): **בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה, וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה** - אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה בִּיז דִי צְוָואנְצִיג, **כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה** - וֶועט עֶר אַ גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן שְׁמוּץ, וְוִיבַּאלְד אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין וַוייבּ, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיז עֶס אִין אִים אַרַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר בְּלַייבְּן מִיט דֶעם, אוּן חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא כט, ע״א): **הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשֶׁה מֵעֲבֵירָה** - טְרַאכְטְן פוּן שְׁמוּץ אִיז עֶרְגֶער וִוי דִי עֲבֵירָה).

דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טָעוּת, וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין עו, ע״ב): **הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה** - וֶוער עֶס אִיז מְחַנֵךְ זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְן עֶרְלִיכֶען וֶועג, **וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִּירְקָן** - אוּן מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, **עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר: וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם**

**אָהֳלֶךָ** - אויף אים איז געזאָגט געוואָרן די פָּסוק: אַז זיין הויז איז גאַנץ.

בִּפְרַט היינטיגע צייטן, וואס אַלע צָרוֹת קומען פון דעם אַז מען מאכט נישט חֲתוּנָה די קינדער יונגערהייט, אַזוי ווי חֲזַ״ל זאָגן (פְּסָחִים קיג, ע״א): **בִּתְּךָ בָּגְרָה** - אַז דיין טאכטער ווערט צוועלעף יאָר אַלט, **שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֵן לָהּ** - מאַךְ איר חֲתוּנָה מיט דיין קנעכט, כְּדֵי זי זאָל נישט פאַרדאַרבען ווערן חַס וְשָׁלוֹם. און נאָךְ זאָגן זיי (קִידוּשִׁין כט, ע״ב): **אָמַר רַב חִסְדָּא: הַאי דְּעַדִיפְנָא מֵחֲבֵרָאי דְּנְסִיבְנָא בְּשִׁיתְסַר** - רַב חִסְדָּא האָט געזאָגט: פאַרוואס בין איך גרעסער פון מיינע חֲבֵרִים? ווייל איך האָב חֲתוּנָה געהאַט ביי די זעכצן, **וְאִי הֲוָה נְסִיבְנָא בְּאַרְבִּיסָר הֲוָה אַמִּינָא לְשָׂטָן: גִּירָא בְּעֵינָךְ** - און אויב איך וואלט חֲתוּנָה געהאַט ביי די פערצן וואלט איך זיך געקענט רייצן מיטן ס״מ און אים זאָגן: ״איך האָב פון דיר נישט מוֹרָא״. זעהט מען אַז ווי פריער מען מאכט חֲתוּנָה די קינדער איז בעסער.

ב. אַסאַךְ מאָל פאַפּן זיך עלטערן אַז דאָס וואס זיי זוכן נישט קיין שִׁידוּךְ פאַר זייערע קינדער איז ווייל זיי האָבן ליב זייער קינד, זיי זאָגן: ״פאַרוואס זאָלן

מִיר זיךְ יָאגְן?! מִיר הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ דָאס קִינְד, מִיר ווילְן נָאךְ הַאלְטְן דֶעם קִינְד אַפָּאר יָאר אִינְדֶערְהֵיים". בְּאֱמֶת דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין אַהֲבָה, וַוייל וֶוען זֵיי וָואלְטְן לִיבּ גֶעהַאט זֵייעֶר קִינְד, וָואלְטְן זֵיי גֶעטוּהן וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר קִינְד, אוּן נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַאר זֵיי, אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (אֵיכָה ד, י): **יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן.** דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אַהֲבָה, דָאס אִיז אַכְזָרִיוּת, וַוייל הַיינְטִיגֶע צַייטְן בְּרֶענְט דִי תַּאֲוָה פוּן נאוּף אוֹיף דִי וֶועלְט. אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע וָואס הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף זֵייעֶר קִינְד, זָאלְן טוּהן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז שַׁיָיךְ, חֲתוּנָה מַאכְן זֵייעֶר קִינְד אִין דִי צַייט, טָאג אוּן נַאכְט דַארְפְן זֵיי טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם: "אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ פַאר מַיין קִינְד!" אוֹיבּ הָאסְטוּ לִיבּ דַיין קִינְד מַאךְ אִים חֲתוּנָה, אוֹיבּ וֶועסְטוּ דָאס טוּהן, דָאס וַוייזְט אַז דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין קִינְד, אוּן כַּמַּיִם פָּנִים אֶל פָּנִים, וֶועט דַיין קִינְד דִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דִיר.

ג. אַסַאךְ מָאל הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק עֶלְטֶערְן פוּן טוּהן אַ שִׁידוּךְ, וַוייל עֶס קָאסְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן. דָאס אִיז אוֹיךְ נַארִישׁ גֶעטְרַאכְט, וֶוער הֵייסְט אַייךְ וַוייזְן אַז אִיר זֶענְט עֲשִׁירִים, אוֹיסְגֶעבְּן

גֶעלְט אוֹיף אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן לוּקְסוּס?! מַאכְטְס חֲתוּנָה אֵייעֶר קִינְד אַזוֹי וִוי דִי עֲנִיִּים, אוּן דִי גֶעלְט גִיבּ פַאר דִי יוּנְגֶע קָאפְּל אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מִיט וָואס צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה. וֶוען אִיר וָואלְט נָאר אַבִּיסְל גֶעשְׁפָּארְט, אוּן נִישְׁט גֶעזִיכְט דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאל, אוּן נָאר גֶערוּפְן דִי מִשְׁפָּחָה צוּ דִי סְעוּדָה, וָואלְט אִיר גֶעקֶענְט גְרִינְגֶערְהֵייט חֲתוּנָה מַאכְן, מְמֵילָא דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ.

ד. רוֹב מָאל הַאלְטְן זִיךְ אָפּ שִׁידוּכִים, וֶועגְן כָּבוֹד אוּן יִחוּס, מֶען זוּכְט אַ יִחוּסְ׳דִיגֶע מִשְׁפָּחָה, אַ מְכוּבָּדְ׳דִיגֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן וֶועגְן כָּבוֹד אוּן גֵיאוּת לָאזְט מֶען דִי קִינְדֶער אַלְט וֶוערְן, אֲפִילוּ אַפָּאר יָאר, בִּיז זֵיי קוּמֶען צוּטוּהן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲ״ל, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם. פַארְוָואס זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט פָּאלְגְן וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת סג, ע״א): **נָחִית דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא** - לָאז אָפּ דַיין גַאֲוָה אוּן הָאבּ חֲתוּנָה. וֶועגְן גֵיאוּת אוּן כָּבוֹד לוֹינְט זִיךְ מְצַעֵר צוּ זַיין דַיין קִינְד?! אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲ״ל אִיז נָאר וַוייל מֶען מַאכְט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג. וִוי אִיז דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דִי עֶלְטֶערְן? זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט

גֶעמֶעגְט רוּעֶן טָאג אוּן נַאכְט צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר זַייעֶר קִינְד!

ה. אַמָאל אִיז דָא עֶלְטֶערְן, וָואס זַיי זֶעעֶן זִיךְ מַלְבִּישׁ מִיט דִי לְבוּשׁ פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, זַיי זָאגְן: אוּנְזֶער קִינְד הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט מַשְׁלִים גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה, מִיר קֶענֶען אִים נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן. דָאס אִיז אוֹיךְ אַ שֶׁקֶר, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין כט, ע"ב): **אִם אִי אֶפְשָׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה, יִשָּׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ יִלְמוֹד תּוֹרָה** - אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת זָאל עֶר חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוֹיךְ זָאגְן זַיי (פְּסָחִים קיב, ע"ב): **מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים** - אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן זַיין רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת זָאל עֶר חֲתוּנָה הָאבְּן.

נָאךְ אַלֶע סִיבּוֹת פַּארְוָואס אִיר זוּכְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים פַּאר אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז שְׁטוּתִים, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קִינְדֶער, אוּן אִיר הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן דִי קִינְדֶער, מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן יִסוּרִים, בִּיז אִיר הָאט זַיי גֶעזֶעהן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, פַּארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט טוּהן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ זוּכְן

פַאר זֵיי אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן?! אָדֶער כָאטְשִׁיג זֵיי בַּארוּהִיגְן אוּן זֵיי זָאגְן אַז אִיר זוּכְט פַאר זֵיי אַ שִׁידוּךְ?!

בִּפְרַט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, נָשֹׂא, פֶּרֶק יא, סִימָן יג): **וְיִשְׁמְרֶךָ, בְּבָנוֹת שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה** - אוֹיף דִי טֶעכְטֶער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן. אוֹיךְ זָאגְן זֵיי (סַנְהֶדְרִין ק, ע"ב): **בַּת לְאָבִיהָ מַטְמוֹנֶת שָׁוְא, מִפַּחְדָּהּ לֹא יִישַׁן בַּלַּיְלָה** - אַ טַאטֶע וָואס הָאט אַ מֵיידְל קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, **בְּקַטְנוּתָהּ, שֶׁמָּא תִתְפַּתֶּה** - וֶוען זִי אִיז יוּנְג, קֶען זַיין אַז אֵיינֶער וֶועט אִיר צוּ רֶעדְן צוּ אַן עֲבֵירָה, **בְּנַעֲרוּתָהּ, שֶׁמָּא תִזְנֶה** - וֶוען זִי אִיז עֶלְטֶער, טָאמֶער וֶועט זִי גֵיין טוּהן אַן עֲבֵירָה, **בָּגְרָה, שֶׁמָּא לֹא תִנָּשֵׂא** - אוּן שְׁפֶּעטֶער קֶען זַיין זִי וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן. דִי זֶעלְבֶּע פַאר דִי זוּהְן וָואס קוּמֶען לֵיידֶער צוּ צוּ דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲ"ל.

דֶערְפַאר זָאל פַאר אַ יֶעדֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע אִינְטֶערְסִירְן דִי צַעַר פוּן זֵייעֶר קִינְד, טָאג אוּן נַאכְט זָאלְן זֵיי מִתְפַּלֵל זַיין אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר

זִיווּג, אַזוֹי ווִי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): **מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד** - עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן עֶרְד און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת. און דֶער כֹּהֵן אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בִּיז ווִילַאנְג עֶר הָאט גֶעזֶעהן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים און יוּנְגֶע כֹּהֲנִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ און נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז): **בְּטַח בַּה׳ וַעֲשֵׂה טוֹב וְגוֹ׳ וְהִתְעַנַּג עַל ה׳ וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ** - פַארְלָאז דִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר וֶועט דִיר גֶעבְּן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְּסְט. זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי תְּפִלָּה פוּן אַ טַאטֶע הֶעלְפְּט פַאר דִי קִינְדֶער.

עֶלְטֶערְן דַארְפְּן ווִיסְן! אוֹיב זֶעהְסְטוּ אַז דַיין קִינְד פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט עַזוּת מִיט חוּצְפָּה צוּ דִיר, און דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ: ווִי קוּמְט צוּם קִינְד אַזַא עַזוּת? וָואס הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטוּהן אַז עֶר פִירְט זִיךְ מִיט עַזוּת צוּ מִיר? זָאלְסְטוּ ווִיסְן! אַז עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן

דִיר צוּ בֶּעטְן: ״אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן!״ דָאס בְּלוּט קָאכְט אִין זֵיי, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר דוּרְךְ דֶעם. זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז וַוייל דַיינֶע קִינְדֶער בֶּעטְן דִיר נִישְׁט: ״טַאטֶע! הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, טְרֶעף מִיר שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ, מַאךְ מִיר שׁוֹין חֲתוּנָה!״, אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, וַוייל דוּ ווֵייסְט גַאנְץ גוּט אַז דִי טֶבַע פוּן קִינְדֶער אִיז, אַז זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי זֵיי: ״אִיךְ בֶּעט עֶנְק, מַאכְטְס מִיר חֲתוּנָה״, סֵיי זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ, אוּן סֵיי זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ אַרַיינְכַאפְּן פוּן דִיר אַ גֶעזוּנְטְן פְּסַק: ״גֵיי זֶעץ דִיךְ לֶערְנֶען! גֵיי אַבִּיסְל אַרְבֶּעטְן! דוּ דַארְפְסְט נָאךְ עֶלְטֶער וֶוערְן אוּן זַיין גֶענוּג עֶרְוַואקְסְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן״. וֶועגְן דֶעם הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַייעֶר קִינְדֶער, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה, דוּרְךְ דֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי, בִּיז עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי דִיר דִי פָּסוּק (תְּהִילִים קכח, ג): **בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ** - אִיר וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער.

מִצַד הֲלָכָה, אַז קִינְדֶער זֶעהְן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן זֵיי נָאךְ נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן, זֶענֶען זֵיי מְחִיוּב זִיךְ

אַלֵיינְס חֲתוּנָה צוּ מַאכְן. נִישְׁט נָאר דָאס נָאר אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ פַּאסִיגֶע שִׁידוּךְ וָואס דוּ ווִילְסְט דָאס, נָאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט, דַארְפְסְטוּ זֵיי נִישְׁט פָאלְגְן (עַיֵין יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ, סְעִיף כה, בְּדִבְרֵי הָרַמָ״א, עַיֵין שָׁם). כָּל שֶׁכֵּן אוֹיבּ דוּרְךְ דֶעם פַאלְסְטוּ אַרַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲ״ל, דַארְפְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר, דוּ זָאלְסְט טוּהן וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דוּ זָאלְסְט חֲתוּנָה הָאבְן, דָאס אִיז בָּרוּר אִין אַלֶע פּוֹסְקִים אָן קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן זוּכְן נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ פַאר זֵיי. נָאכְדֶעם אִיז דָא וָואס זוּכְן אוּן זוּכְן אוּן עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. אֲפִילוּ עֶר זוּכְט אוּן זוּכְט דָאךְ גֵייט עֶס נִישְׁט, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אַ יֶעדְן טָאג זֶעהט אוֹיס ווִי אַ יָאר, דָאךְ זָאלְסְטוּ כְּסֵדֶר חַזֶר׳ן ״אַז סַבְלָנוּת אִיז דִי עִיקָר אִין לֶעבְּן״, אוּן גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז דֶער גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן זִיווּג אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם שְׁלוּחִים, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, וַיֵצֵא, פֶּרֶק סח,

סִימָן ח): **מָצִינוּ בַּתּוֹרָה וּבַנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים, שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא מֵאֵת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם מַיין עֵצָה וָואס אִיךְ גִיבּ דִיר! זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ ווִי מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט, אוּן רֶעד דִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ "אוֹיף יוּדִישׁ", אוּן בֶּעהְט אִים: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ ווִיל אַ חָתָן וֶוערְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן חֲתוּנָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק צוּ מַיין צַעַר, אִיךְ ווִיל זַיין פְּרֵיילֶעךְ!**". דָאס זָאלְסְטוּ טוּהן אַ יֶעדְן טָאג מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר, דוּ וֶוערְסְט נִכְשָׁל חַס וְשָׁלוֹם אִין פְּגַם הַבְּרִית, דָאךְ זָאלְסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶע עַקְשָׁן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי ווִי דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט דַיין חַבֵר.

דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִדוּי דְבָרִים, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל. בִּפְרַט דִי נְפָשׁוֹת וָואס טְרֶעפְן נִישְׁט זֵייעֶר זִיווּג אוּן וַוייל זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן אוּן דֶערְבִּיטֶערְט, קוּמֶען

זַיי צוּ צוּ פְּגַם הַבְּרִית רַחֲ״ל, אוֹיב הָאבְּן זֵיי רַחְמָנוּת אוֹיף זִיךְ, זֵיי גֵייעֶן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, זֵיי שְׁמוּעֶסְן אוֹיס זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טַעֲנוֹת, זֵיי זָאגְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֲיִתָּכֵן דוּ גִיבְּסְט מִיר נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ? דוּרְךְ דֶעם זִינְדִיג אִיךְ, אוּן אִיךְ פַאל אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת אִין פְּגַם הַבְּרִית!״** קֶען מֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אִין אַלֶע וֶועלְטְן דוּרְךְ דֶעם.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ וָואס קוּמְט מִיט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בָּלָק, דַף קצה, ע״א): **כֵּיוָן דְּצָלֵי צְלוֹתֵיהּ פָּתַח כָּל כְּוֵי רְקִיעִין** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל, **וְכָל שְׁאָר צְלוֹתִין דְּסָלְקִין לְעֵילָא דָּחִי לוֹן הַאי מִסְכֵּנָא תְּבִיר לִבָּא** - דֶער צוּבְּרָאכֶענֶער הַארְץ מִיט זַיין תְּפִילָה, שְׁטוּפְּט אַוֶועק אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן דִי וֶועלְט, **וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָמַר: יִתְעַטְּפוּן כָּל צְלוֹתִין דְּעָלְמָא, וּצְלוֹתָא דָא תֵּעוּל לְגַבָּאִי** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֶעהן פַאר מִיר קַיין שׁוּם תְּפִילָה, נָאר דִי תְּפִילָה פוּן

דֶעם צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשׁ, **לָא בְּעִינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִידוּנִין בֵּינָנָא, קַמָּאֵי לִיהֱוֵי תַּרְעוּמִין דִּילֵיהּ וַאֲנָא וְהוּא בִּלְחוּדָנָא** - נִישְׁט דִי בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל אִים פַּסְקְ׳נֶען, אִיךְ אַלֵיין וִויל אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע טַעֲנוֹת, **כָּל חֵילֵי שְׁמַיָּא שָׁאֲלִין אִלֵּין לְאִלֵּין: קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּמַאי אִתְעֲסַק?** - אַלֶע מַלְאָכִים פְרֶעגְן: וָואס טוּהט יֶעצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **אָמְרִין: אִתְיַחֲדָא בְּתְאוּבְתָּא בְּמָאנִין דִילֵיהּ** - עֶנְטְפֶערְן זֵיי: עֶר בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט דִי צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער וֶועמֶען עֶר הָאט דִי מֶערְסְטֶע לִיבּ, **וְדָא אִיהוּ צְלוֹתָא דְעָבִיד עִטּוּפָא לְכָל צְלוֹתִין דְעָלְמָא** - אוּן זַיין תְּפִילָה הַאלְט צוּרִיק אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן דִי וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ה. וּתְפִלַּת הַמִּנְחָה, הֲלָכָה ז): **וְכָל זֶה נֶאֱמַר אֲפִלּוּ בְּעָנִי סְתָם שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל צְרָכָיו** - דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אֲפִילוּ וֶוען אַ יוּד, הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן עֶר הָאט חוֹבוֹת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן קַיין רֶענְט, אוּן דִי גֶעשֶׁעפְטְן ווִילְן אִים נִישְׁט פַּארְקוֹיפְן קַיין עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער א.ד.ג., **כַּמָּה וְכַמָּה יְקָרָה תְּפִלָּה זוֹ בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהִיא יְקָרָה מִכָּל הַתְּפִלּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם** - אַז זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען מוֹרָא׳דִיג

חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען אַזַא יוּד וָואס אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי תְּהוֹם פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אִין דִי צֶען כְּתָרִים פוּן טוּמְאָה, פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲ״ל, גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן עֶר זָאגְט: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאל אִיךְ טוּהן, דוּ מֵיינְסְט אִיךְ וִויל זִינְדִיגְן? נֵיין! אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, דִי יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס!״**, קֶען מֶען נִישְׁט מַשִׂיג זַיין דִי גְרוֹיסְקַייט וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ קַיין שׁוּם דִין נִישְׁט פוּן אוֹיבְן אוּן נִישְׁט פוּן אוּנְטְן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף אִים קַיין טַעֲנוֹת.

מֶען קֶען נִישְׁט מַשִׂיג זַיין דִי גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַ יֶעדֶע יוּד בִּפְּרָטֵי פְּרָטִיוּת, בִּפְרַט אוֹיף דִי הוֹיכֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי ס״מ רַחֲ״ל, דִי ס״מ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ זֵיי, זֵיי מְטַמֵא זַיין בִּפְגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲ״ל, וְוי מֶער זֵיי וִוילְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם, נֶעמְט עֶר זֵיי מֶער אַרַיין, עֶר שְׁלִינְגְט זֵיי אַיין. בִּפְרַט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט

זֵייעֶר זִיווּג, אוֹיבּ מַאכְן זֵיי זִיךְ אַ נֵייעֶ קַבָּלָה אָנְצוּהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, זֵיי וַוארְפְן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער אוּנְטֶערְן ס"מ, זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָּאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, זֵיי אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְצֵיילְן אִים זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן זֵיי זָאגְן אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן קַיין וַוייבּ אוּן וֶועגְן דֶעם בִּין אִיךְ פּוֹגֵם אִין פְּגַם הַבְּרִית אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, קֶענְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר, מַאךְ מִיר חֲתוּנָה וֶועל אִיךְ נִישְׁט זִינְדִיגְן!"**, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט פוּן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת, עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ וָואס הֵייסְט "עַזְרִיאֵל", וָואס עֶר אִיז סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף בָּחוּרִים וָואס פַאלְן אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת וַוייל זֵיי זֶענֶען בָּחוּרִים, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף פוּן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת אוּן דִי שְׁמוּעֶסְן וָואס זֵיי שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נֵייעֶ הֵיכָלוֹת, עֶר אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף זֵיי לִיכְטִיגְקֵייט אוּן גוּטְס.

טֵייעֶרֶע בָּחוּר! אֲפִילוּ אִינְדֶערְמִיט פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, וָואס דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וֶוען עֶר זֶעהט אַ בָּחוּר וָואס וִויל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן

אִים, פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ אוֹיף אִים זַייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דִי מִלְחָמָה גֵייט פָּנִים בְּפָנִים. אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דֶעם וָואס דוּ פַּאלְסְט דוּרְךְ, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דַיין פִינְסְטֶערְנִישׁ, דוּ וֶועסְט קֶענֶען זִינְגֶען מִיט פְרֵייד (יְשַׁעְ׳ יב, א): **אוֹדְךָ ה׳ כִּי אָנַפְתָּ בִּי יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְנַחֲמֵנִי.**

אָבֶער צוּ דֶעם מוּזְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין רֶגַע אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי קְדוּשָׁה, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁמוּצִיג פוּן עֲבֵירוֹת, נֶעמְט עֶס אִים טֶעג אוּן יָארְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם, דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת סַיי פוּן דִיר אַלֵיינְס, וָואס דוּ טְרַאכְסְט: ״לָאז מִיר אָפּ, לָאז מִיר צוּרִיק גֵיין פוּן וִוי אִיךְ קוּם, אִיךְ וֶועל שׁוֹין סַיי וִוי בְּלַייבְּן וָואס אִיךְ בִּין, אִיךְ בִּין מְמֵילָא גָארְנִישְׁט וֶוערְט״. אוּן סַיי פוּן אַנְדֶערֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִיר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס, וָואס דָאס קוּמְט עַל פִּי רוֹב פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲ״ל (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רמט). אוֹיב אַנְדֶערֶע שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר אוּן טְשֶׁעפֶּענֶען דִיר, זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן,

נָאר זָאלְסְט הָאבְּן אֲרִיכַת אַפַּיִם, וָואס דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן כַּוָּנַת אֱלוּל, וָואס אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ זִיווּג (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן פז. וּבְחֵלֶק א, סִימָן ו). סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן וֶוערְן אַ אָדָם הַשָּׁלֵם בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי עִנְיָן פוּן סַבְלָנוּת, סוֹבֵל זַיין אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַ דוּרְךְ אוֹיף דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן בַּיי דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוּן חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פוּן אוֹיפְגֶעבְּן.

אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען הָאבְּן אַ יֶעדֶע רֶגַע הִתְחַזְּקוּת, בִּפְרַט אַ יוּנְגֶע בָּחוּר, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַ דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַ דוּרְךְ, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָּמָה, דַף ד, ע"א) רִימְט זֵייעֶר אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק אִין אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער מַאכְט עֶר זִיךְ זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק. וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז צוּ עוֹלָם הַבָּא קֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אַזַא אֵיינֶער וָואס עֶס אִיז אִים בִּיטֶער אוּן טוּנְקְל, אוּן עֶר דְרֵייט עֶס אִיבֶּער אוֹיף זִיס אוּן לִיכְטִיג, וֶועמֶען אִין דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי בִּיטֶער

און פִינְסְטֶער וִוי אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ פְּלַג גוּף?!
דֶערְפַאר טֵייעֶרֶע בָּחוּר הֶער מִיר צוּ: רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זֶעה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ און שְׁטַארְק דִיךְ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל, אַ בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת וִוייבַּאלְד עֶר אִיז צוּבְּרָאכֶען, בִּפְרַט אוֹיב הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט בִּפְגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲ"ל, טְרַאכְט עֶר כָּל מִינֵי זַאכְן. עֶר קֶען טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף אִים בְּרוֹגֶז חַס וְשָׁלוֹם, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז עֶס אַ דִמְיוֹן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אָב הָרַחֲמָן, עֶר גִיבְּט לֶעבְּן און עֶסְן פַארְן מֶענְטְש, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְש הָאט גֶעטוּהן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, טוּהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער גוּטְס מִיטְן מֶענְטְש, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְש זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן (כַּמּוּבָא בְּתוֹמֶר דְבוֹרָה לְהָרַמַ"ק, בְּסוֹד הַכֶּתֶר, עַיֵּין שָׁם).

אָדֶער טְרַאכְט אַ בָּחוּר אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קַיין חָתָן וֶוערְן, עֶר טְרַאכְט אִיךְ וֶועל שׁוֹין בְּלַייבְּן אַן אַלְטֶע בָּחוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, וָואס דָאס אִיז נַארִישׁ גֶעטְרַאכְט, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב, ע"א): **אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת: בַּת פְּלוֹנִי**

**לִפְלוֹנִי** - פֶּערְצִיג טֶעג פַאר דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל זַיין זִיווּג. זֶעהט מֶען אַז פַאר דִי בִּיסְט נָאךְ גֶעבּוֹירְן הָאט מֶען שׁוֹין בַּאשְׁטִימְט דַיין זִיווּג, וָואס אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען עֶנְק אֵיין נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תַזְרִיעַ, דַף מז, ע״ב): **כָּל רוּחִין דְעָלְמָא כְּלִילָן דְכַר וְנוּקְבָא** - יֶעדֶע נְשָׁמָה אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ זָכָר אוּן אַ נְקֵבָה, **וְכַד נַפְקִין דְכַר וְנוּקְבָא נַפְקִין וּלְבָתַר מִתְפָּרְשָׁן בְּאָרְחַיְהוּ** - אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּטֵיילְט דִי נְשָׁמָה בַּיי צְוֵויי פָּאר עֶלְטֶערְן.

אַסַאךְ מָאל וֶוערְט אַ בָּחוּר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וֶוען עֶר זֶעהט וִוי זַיינֶע חֲבֵרִים, וָואס זֶענֶען שְׁוַואכֶער פוּן אִים, וֶוערְן חֲתַנִים, זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה אוּן אִים גֵייט עֶס נִישְׁט, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּא, וַיֵּצֵא, פֶּרֶק סח, סִימָן ח): **יַעֲקֹב אָבִינוּ נָשָׂא אִשָּׁה בֶּן פ״ד שָׁנִים וְעֵשָׂו בֶּן מ׳ שָׁנָה** - יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִיר אוּן אַכְצִיג יָאר אוּן זַיין בְּרִידֶער עֵשָׂו וָואס אִיז גֶעוֶוען יֶענֶער שֵׁייגֶץ אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פֶּערְצִיג יָאר, **הָא לָמַדְנוּ שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁהֶה**

**לַצַדִיקִים וּמַקְדִים לָרְשָׁעִים** - זֶעהט מֶען אַז אַסַאךְ מָאל ווערט דֶער שְׁוַואכֶערֶע פְרִיעֶר אַ חָתָן.

אַסַאךְ מָאל פְרֶעגְן בָּחוּרִים: פַארְוָואס פַאר מִיר גֵייט עֶס אַזוֹי שְׁוֶוער? אוּן פַאר מַיינֶע חֲבֵרִים גֵייט עֶס גְרִינְג? זֵיי הָאבְּן שׁוֹין זֵייעֶר זִיווּג? זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וַוייל מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין אַזוֹי בַּיי יוֹסֵף הַצַדִיק, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק לו): **כָּל הַשְּׁבָטִים נוֹלְדוּ זִוּוּגָם עִמָּם חוּץ מִיוֹסֵף שֶׁלֹא נוֹלַד זִוּוּגוֹ עִמּוֹ** - אַלֶע שְׁבָטִים זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּזַאמֶען מִיט זֵייעֶר זִיווּג, אָבֶּער יוֹסֵף נִישְׁט. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעקֶענְט פְרֶעגְן: וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיינֶע בְּרוּדֶערְס?!

טְרַאכְט אַרַיין, וָואס הָאט יוֹסֵף גֶעטוּהן, נָאךְ אַלֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים אוּן נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס אִיז דוּרְךְ אוֹיף אִים? עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט מְחַזֵק גֶעוֶועְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז גֶעוֶועְן שְׁטֶענְדִיג לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ, רְאֵה): **אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה בְּחַסְדֶךְ אֲשֶׁר רָאִיתָ אֶת עָנְיִי, זֶה יוֹסֵף.** אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט,

אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה פַאר גָארְנִישְׁט, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעסְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת: פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיינֶע בְּרוּדֶערְס? יֶעדֶער הָאט זַיין זִיווּג? אוּן אִיךְ אַ יוּנְגֶע בָּחוּר מִיט שְׁוֶועדֶע נִסְיוֹנוֹת אִין עֶרְוַת מִצְרַיִם וָואס אִיז פוּל מִיט נִאוּף אוּן שְׁמוּץ אוֹיף אַלֶע גַאסְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ז): **אֵין לְךָ אֻמָּה בָּעוֹלָם שֶׁהָיְתָה שְׁטוּפָה בִּדְבָרִים מְכוֹעָרִים וַחֲשׁוּדִין בִּכְשָׁפִים וּבְזִימָּה וּבְכָל מַעֲשִׂים רָעִים אֶלָּא הַמִּצְרִים** - עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁמוּצִיגֶע פָאלְק וִוי דִי מִצְרִיִּים אוּן וָואס הָאט יוֹסֵף גֶעטוּהְן? גֶעשְׁוִויגְן! עֶר הָאט מִיט סַבְלָנוּת סוֹבֵל גֶעוֶוען אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער.

טְרַאכְט אַרַיין! מֶען נֶעמְט אַ יוּנְגֶע בָּחוּר וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, מֶען פַארְקוֹיפְט אִים פַאר אַן אַרַאבֶּער, מֶען טְרָאגְט אִים אַרָאפּ אוֹיף מִצְרַיִם, מֶען שְׁטֶעלְט אִים אַרָאפּ אוֹיפְן מַארְק, וִוי מֶען פַארְקוֹיפְט אַלֶע נִידְרִיגֶע שְׁוַוארְצֶע שְׁחוֹרִים קְנֶעכְט אוּן דִינְסְט, עֶר שְׁטֵייט צְווִישְׁן זֵיי, פּוֹטִיפַר קוֹיפְט אִים אָפּ פַאר אַ קְנֶעכְט, נָאךְ דֶעם הָאט עֶר בַּאקוּמֶען בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶועדֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּיז עֶר

טְרֶעפְט זִיךְ אוּמְזִינְסְט אִין תְּפִיסָה מִיט גַנָבִים, אִין וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען דְרַייסִיג יָאר הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זַיין זִיווּג. זֶעהט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא סַבְלָן וְוי יוֹסֵף הַצַדִיק, וָואס דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם, דוּרְךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועֶרעקַייטְן אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען.

דֶערְפַאר! יֶעדֶער קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען עֵצוֹת אוּן הַנְהָגוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אַ נִצְחִיוּת (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן א), אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה לד, ע"א) **מַעֲשֶׂה אָבוֹת סִימָן לְבָנִים** - דִי תּוֹרָה פַארְצֵיילְט אוּנְז מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי אָבוֹת, אַז מִיר קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן וְוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיף צוּ פִירְן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְט, נָאר וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג, אָמֵן.

***

# פֶּרֶק ה

## ״סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן וְוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט קִינְדֶער״

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן מִיט מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווִילְד, זֵיי דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי שְׁטוּב אוּן קְרִיגְן זִיךְ מִיט אַ יֶעדְן, בִּיז זֵיי מַאכְן מַמָּשׁ קְרַאנְק דִי עֶלְטֶערְן. דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן ווִיסְן אַז אוֹיף צוּ צִיעֶן קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, גֶעוֶועינְדְלִיךְ זֶענֶען עֶלְטֶערְן זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן קַיין אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, קִינְדֶער זֶענֶען אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ, זֵיי זֶענֶען פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, נָאךְ דֶערְצוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען לֶעבֶּעדִיג, זֵיי טַאנְצְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן קְרִיגְן זִיךְ, זֵיי דְרֵייעֶן אִיבֶּער אוּן צוּבְּרֶעכְן וָואס עֶס קוּמְט זֵיי אוּנְטֶער, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעזוּנְטֶע טֶבַע, ווַייל חַס וְשָׁלוֹם וֶוען קִינְדֶער טוּעֶן נִישְׁט דִי זַאכְן, אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט.

וֶועגְן דֶעם אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נֶערְוֶועז אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען צוּלָאזְט קוּמֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַ דוּרְךְ,

פוּן דֶעם קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע צָרוֹת, דִי עֶלְטֶערְן אוּנְטֶערְדְרִיקְן דִי קִינְדֶער: "גֵיי נִישְׁט דָא, טוּה נִישְׁט דָאס, א.ד.ג.", זֵיי ווִילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ פִירְן לוֹיט זֵייעֶרֶע נֶערְוְון, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט, נָאךְ דֶערְצוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, הֵייבְּן אָן דִי עֶלְטֶערְן זֵיי צוּ שְׁלָאגְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְן זֵיי מֶער צוּ ווִילְדֶעוֶועט, וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קִינְדֶער ווִי מֶער דוּ שְׁלָאגְסְט זֵיי אַלְץ מֶער וֶוערְן זֵיי צוּ ווִילְדֶעוֶועט.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען דוּ שְׁלָאגְסְט דַיין קִינְד אִיז דָאס נִישְׁט מִצַד חִינוּךְ, נָאר דוּ ווִילְסְט אוֹיסְגִיסְן דַיין כַּעַס אוּן בַּארוּהִיגְן דַיינֶע נֶערְוְון, וַוייל אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין דַיין קִינְד, וָואלְסְטוּ אִים גֶעדַארְפְט מַסְבִּיר זַיין מִיט שֵׁיינֶעם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): **צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו** - מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ נָאךְ יוּנְגֶערְהֵייט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, ו): **חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ** - זֵיי מְחַנֵךְ דַיין קִינְד לוֹיט זַיין וֶועג, דָאס הֵייסְט אוֹיבּ ווִילְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין קִינְד וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אִים מַמָש ווִי אַ קִינְד אוּן

אִים מַסְבִּיר זַיין מִיט שֵׁיינֶעם וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהן, נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן, וָואס רוֹב מָאל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן אַזוֹי נֶערְוֶועז אַז אוֹיבּ דִי קִינְד טוּהט עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ גְלַייךְ שְׁרֵייט מֶען אוֹיף אִים, אוּן מֶען גִיבְּט אִים מַכּוֹת אַכְזָרִיוּת, דֶער קִינְד וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פַארְוָואס מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אִים אוּן פַארְוָואס מֶען שְׁלָאגְט אִים, וַוייל מֶען אִיז אִים נִישְׁט מַסְבִּיר אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּהן.

וֶועגְן דֶעם! שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי׳ן, אַז עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן זַיין זוּהְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּלָשׁוֹן קַשְׁיָא: ״אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!״ אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נט): **מְסֻגָּל יוֹתֵר לְבָנִים, לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לְבִלְתִּי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם לְשַׁעְשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לְבִלְתִּי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל** - עֶס אִיז גֶעזוּנְט פַארְן קִינְד אַז מֶען שְׁטֵייט וַוייט פוּן אִים אוּן מֶען אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אִים אַ גַאנְצְן צַייט. אִין אֱמֶת׳ן אִיז אֵיינְס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם צְוֵוייטְן, וַוייל אַז מֶען סְפּוֹיעֶלְט דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר ווִילְד, נָאכְדֶעם

דַארְף מֶען זֵיי שְׁלָאגְן, אָבֶער אוֹיב קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף זֵיי, מֶען מַאכְט זִיךְ וִוי מֶען זֶעהט נִישְׁט אַלֶעס, דַארְף מֶען זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גוּט. מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים, אַז זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּשְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן, וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע פַּחַד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): **הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן** - וַוייל אוֹיבּ דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ, הָאט דֶער קִינְד מוֹרָא אִים צוּ פְרֶעגְן זַיינֶע זַאכְן, בְּלַייבְּט עֶר אַ שׁוֹטֶה, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְן זַיינֶע זַאכְן אוּן דִי קָאפּ וֶוערְט אִים פַארְמַאכְט. אוֹיךְ אִיז דִי טֶבַע פוּן אַ קִינְד, וִוי מֶער כָּבוֹד מֶען גִיבְּט אִים, וִוי מֶער מֶען מַאכְט זִיךְ ווִיסֶענְדִיג פוּן אִים, עֶפֶענְט זִיךְ זַיין קָאפּ מֶער אוּן מֶער. דֶערְפַאר טָארְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דַיין קִינְד וֶוען עֶר פְרֶעגְט דִיךְ זַיינֶע קַשְׁיוּת, אֲפִילוּ עֶס אִיז נַארִישֶׁע קַשְׁיוּת, נָאר דוּ זָאלְסְט כְּסֵדֶר קוּקְן אוֹיף דַיין קִינְד מִיט אַ גֶעפִיל אוּן מִיט רַחְמָנוּת. וֶוען עֶס טוּהט עֶפֶּעס וֵויי פַאר דַיין קִינְד, זָאלְסְטוּ הָאבְּן מִיטְלַייד

מִיט אִים, אֲפִילוּ לוֹיט דַיין פַארְשְׁטַאנְד אִיז דָאס נִישְׁט קַיין צַעַר, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שָׁם, סִימָן צו): **מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו** - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, **בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִקְדֻשָּׁה** - הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, דָאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס זֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ שֶׁעפְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען, זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְן שֵׁיינֶעם וֶועג אוּן וָואס דַיין קִינְד וֶועט דִיךְ פְרֶעגְן, וֶועסְטוּ אִים מַסְבִּיר זַיין. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַסַאךְ מוּסָר, זֵיי זָאלְן ווִיסְן וָואס מֶען מֶעג טוּהן אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהן אוּן וֶוען דַיין קִינְד וֶועט טוּהן אַן עַוְלָה, זָאלְסְטוּ אִים פָארְהַאלְטְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעטוּהן?", אוּן אִים נִישְׁט שְׁלָאגְן, וָואס דָאס טוּהט נָאר צוּמִישְׁן דָאס קִינְד. ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אֲפִילוּ עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער, אָבֶער וֶוער עֶס אִיז מְקַבֵּל דִי יִסוּרִים, אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שָׁם, סִימָן סז): **מִי שֶׁמְּקַבֵּל אֶת הַיִסוּרִים בְּאַהֲבָה,**

**זוֹכֶה לְזֶרַע שֶׁיַּאֲרִיכוּ יְמֵיהֶם** - וֶוער עֶס הָאט גֶעדוּלְד צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶר אִיז מְקַבֵּל דִי יִסוּרִים בְּאַהֲבָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לַאנְג לֶעבְן.

נָאךְ אַ זַאךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן ווִיסְן, אַז דֶער קִינְד פִירְט זִיךְ עַל פִּי רוֹב אַזוֹי ווִי זֵיי, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵדִיוֹת, פֶּרֶק ב): **הָאָב זוֹכֶה לְבֵּן בְּחָכְמָה** - מִיט וָואס דֶער טַאטֶע אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעט דָאס קִינְד, דָאס קֶען מֶען זֶעהְן, אוֹיבּ דֶער טַאטֶע אִיז אַ שׁוּסְטֶער, וֶועט דֶער זוּהְן אוֹיךְ זַיין אַ שׁוּסְטֶער, אוֹיבּ דֶער טַאטֶע לֶערְנְט, וֶועט דָאס קִינְד נֶעמֶען סְפָרִים אוּן זִיךְ מַאכְן ווִי עֶר לֶערְנְט, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מִידוֹת, אַז דֶער טַאטֶע קְרִיגְט זִיךְ, וֶועט זִיךְ דִי זוּהְן אוֹיךְ קְרִיגְן.

דֶערְפַאר! אוֹיבּ ווִילְסְטוּ אַז דַיין זוּהְן זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, הֶער דִיךְ אוֹיף צוּ קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קְרִיגְן. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נו, ע"ב): **שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא, אוֹ דְאָבוּהָא אוֹ דְאִימֵּיהּ** - דָאס קִינְד נֶעמְט זַיין שְׁפְּרַאךְ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַז מֶען הֶערְט אַ קִינְד רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, אָדֶער עֶר שֶׁעלְט, מִן הַסְתָּם הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט אִינְדֶערְהֵיים. דֶערְפַאר אַז דִי וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין, וֶועט דַיין קִינְד

אויף רֶעדְן אֵיידל און שֵׁיין. אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סג, ע"א): **כְּעוֹבְדֵי אִמָּהּ כָּךְ עוֹבְדֵי בְּרָתָא** - אַזוֹי וְוי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ, אַזוֹי וֶועט זִיךְ דִי טָאכְטֶער פִירְן. וֶועגְן דֶעם, אוֹיבּ וְוילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ, דַארְפְּסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי גוּטֶע מִידוֹת וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג און הָאבְּן צוּ זֵיי אַסַאךְ גֶעדוּלְד. בִּפְרַט זָאלְסְטוּ זֶעהן אַרַיינְצוּלֵייגְן דַיינֶע קִינְדֶער אִין עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת. זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִיךְ וְויל אַז מַיין קִינְד זָאל זַיין בֶּעסֶער וְוי מִיר", (הַלְוַואי זָאל עֶר זַיין וְוי דִיר), אָבֶּער אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן: "אִיךְ וְויל אַז מַיין קִינְד זָאל זַיין אַזוֹי וְוי מִיר", וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי וְוי דִיר, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וָואס דִי טוּמְאָה הָאט זִיךְ אַזוֹי צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶלְטֶערְן דַארְפְּן מוֹרָא'דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט וֶועמֶען זֵיי חַבֶרְ'ן זִיךְ. און זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רִימְט זֵייעֶר אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גִיבְּט זִיךְ אַוֶועק אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, און דִי גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ פַאר וֶוער עֶס אִיז מְגַדֵל זַיינֶע קִינְדֶער אָן תּוֹרָה, וְוי עֶס שְׁטֵייט (וַיֵרָא, דַף קד, ע"ב): **אוּלַי**

**יִמָּצְאוּן שָׁם עֲשָׂרִים: שֶׁמָּא יְגַדְּלוּ בָּנִים לְתַלְמוּד תּוֹרָה, וְיֵשׁ לָהֶם שָׂכָר לַעֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת שְׁתֵּי פְּעָמִים בְּכָל יוֹם** - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן סְדוֹם, הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: אֶפְשָׁר אִיז דָא אֵיין טַאטֶע וָואס שִׁיקְט זַיין זוּהְן לֶערְנֶען, אוּן עֶר לֶערְנְט צְוֵויי מָאל אַ טָאג דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אִין זַיין זְכוּת זָאל מֶען רַאטֶעוֶוען דִי שְׁטָאט, אוֹיךְ שְׁטֵייט דָארְט (פְּקוּדֵי, דַף רנו, ע״א): **אִלֵּין אִתְמַנּוּן לְאַכְרָזָא בְּכָל רְקִיעִין, לְכָל אִינוּן דִּמְעַבְּרִין בְּנֵיְיהוּ מֵאוֹרַיְתָא, וְסָלְקִין לוֹן דְּלָא יִלְעוּן בַּהּ, כְּדֵין נַפְקֵי כָּל הָנֵי מְמַנָּן וּמַכְרְזֵי וְאָמְרֵי: וַי לִפְלַנְיָא דְּאַעֲבַר בְּרֵיהּ מֵאוֹרַיְתָא, וַי לֵיהּ דְּקָא אִתְאַבִּיד מֵעָלְמָא דֵּין וּמֵעָלְמָא דְּאָתֵי** - מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל: "וֵויי אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס שִׁיקְט נִישְׁט זַיין זוּהְן אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה", אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת מז, ע״ב): **אֵיזֶהוּ עַם הָאָרֶץ? כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ בָּנִים, וְאֵינוֹ מְגַדְּלָם לְתַלְמוּד תּוֹרָה** - וָואס מֵיינְט אַן עַם הָאָרֶץ? אֵיינֶער וָואס שִׁיקְט נִישְׁט זַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶערְפַאר! אַ יֶעדֶע יוּד וָואס הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מְחַנֵּךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִי

הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ז): **וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְגוֹ׳ וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם.** אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ט): **וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ.**

בִּפְרַט זָאלְסְטוּ דֶערְוַוייטֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כִּתּוֹת וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן, נָאר אוֹיפְן צִיהל אַרָאפּ צוּ פִירְן דִי קִינְדֶער פוּן יוּדִישְׁקֵייט, זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוּת, אֲפִילוּ זֵיי קוּמֶען אוּן זָאגְן אַז זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיךְ תּוֹרָה, דָאס אִיז סְתַּם אַ פָּאפֶּערֵיי, וַוייל זֵיי לֶערְנֶען קוֹים אַבִּיסְל פְּסוּקִים חוּמָשׁ, וָואס אִיז מִיט דִי פְּשָׁטִים פוּן זֵייעֶרֶע אֶפִּיקוֹרְסִים מְפֻרְסָמִים, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, הֲלָכָה ה, אוֹת ג): דֶער בַּעַל דָבָר וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוּת, זֵיי זָאלְן רֶעדְן דִי גוֹי׳אִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ צוּגְלַייכְן צוּ דִי גוֹיִם, וָואס דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי צוּ צוּ כְּפִירוֹת רַחֲ״ל, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז דֶער בַּעַל דָבָר וִויל זֵיי אוֹיסְרַייסְן סֵיי פוּן דִי וֶועלְט אוּן סֵיי פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר! וֶוער עֶס וויל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי כִּתּוֹת וִוי וַוייט עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה ה, אוֹת טו), דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז וִויבַּאלְד הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט פַּרְנָסָה, דִי עֶרְלִיכֶע יוּדְן וָואס לֶערְנֶען אוּן מִיטְשֶׁענֶען זִיךְ הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וויל אִיךְ אַז מַיין קִינְד זָאל גֵיין אִין קַאלִידְשׁ עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען חָכְמוֹת כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה דָאס אִיז נַארִישׁ גֶעטְרַאכְט, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ג): **אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאוֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו** - אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן וִוי זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן גֶעלְט, **כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם** - וַוייל וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ פַּרְנָסָה.

מֶען קֶען עֶס קְלָאר זֶעהן, אַז עֶס אִיז דָא וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ גֶעלֶערְנְט דִי גוֹי'אִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, שְׁטוּדִירְט דָאקְטֶערַיי, אָדֶער צוּ וֶוערְן אַן אִינְדְזְשֶׁענִיר, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן? גָארְנִישְׁט! זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אָרִים, אוּן וִוידֶער פַארְקֶערְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן,

און שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, דִי מַעֲשִׂיוֹת הֶערְט מֶען כְּסֵדֶר.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיגְט אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָעוּת, אַז ווִי מֶער דֶער מֶענְטְש אִיז זִיךְ מַשְׁלִים מִיט חָכְמוֹת חִיצוֹנִים, וֶועט עֶר הָאבְּן גְרִינְגֶער פַּרְנָסָה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶער מֶענְטְש וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג און יָארְן מִיט תּוֹרָה און תְּפִילָה, דֶער וֶועט גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן דֶעם רַחֲ״ל, נֶעבֶּעךְ עֶס זֶענֶען דָא לֵיידֶער יוּדְן וָואס הַאלְטְן אַזוֹי. וַוייל בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, זֶענֶען מִיר אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מַצָּב וָואס עֶס אִיז שַׁיָּיךְ, אַלֶע נְבִיאִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי אָבוֹת, אוֹיךְ משֶׁה רַבֵּינוּ, הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר, אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס וֶועט אוּנְז פַּאסִירְן. אוֹיף וָואס פַאר אַ צָרוֹת? דִי עִיקָר צָרָה אִיז ״צָרוֹת הַנֶּפֶשׁ״, אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי. וַוייל אַנְדֶערֶע צָרוֹת, ווִי דַחְקוּת הַפַּרְנָסָה וָואס מֶען קֶען עֶס כִּמְעַט נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אַלֶעס קָאסְט זֵייעֶר טֵייעֶר, פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט דָא, מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן אַבִּיסְל פַּרְנָסָה, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין נֵייעֶ זַאךְ, וַוייל צָרוֹת און יִסּוּרִים הָאט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אֵייבִּיג גֶעלִיטְן, עֶס אִיז

גֶעוֶוען הַרִיגוֹת מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשֻׁנוֹת, מֶען פְלֶעגְט פַארְטְרַייבְּן יוּדְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען בְּלוּט בִּלְבוּלִים, מִילְיָאנֶען יוּדְן הָאט מֶען גֶע׳הַרְגְ׳ט, גֶע׳שָׁחְטְ׳ן, סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, חֶנֶק, רַחֲ״ל.

אָבֶּער דִי עִיקָר צָרָה, אוֹיף וָואס דִי נְבִיאִים הָאבְּן נְבִיאוּת גֶעזָאגְט, אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע צַייטְן, רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעזָאגְט: **יֵיתֵי וְלָא אַחֲמִינֵיהּ** - מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען אָבֶּער אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אִין יֶענֶע דוֹר, וַוייל עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי, אַז רוֹב כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין דִי אֱמוּנָה, וְקִיּוּם הַתּוֹרָה, אוּן נָאר אַ הַאלְבֶּע אָדֶער אַ פֶערְטְל פְּרָאצֶענְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה וְקִיּוּם הַמִּצְוֹת, וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף: **כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה.**

אוֹיךְ אַלֶע אֱמֶתְ׳ע צַדִיקִים זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דִי שֶׁקֶר וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, אַ יֶעדֶער שְׁרֵייט בַּיי אִים לִיגְט דִי אֱמֶת, זַיין שִׁיטָה אִיז דִי אֱמֶת, אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וֶוער עֶר אִיז, וָואס עֶר הָאט אַלְץ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דָאךְ נַארְט עֶר דֶעם עוֹלָם, כְּאִילוּ עֶר הָאט הַשָּׂגוֹת אִינֶעם אֱמֶת, עֶר קוּמְט מִיט נֵייעֶ חָכְמוֹת, נֵייעֶ דְרָכִים אִין עֲבוֹדַת ה׳, עֶר

פַארְדְרֵייט, עֶר מַאכְט קְרִים מֶענְטְשְׁן. אַזוֹי אִיז דָא אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי דִי שֶׁקֶר אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיפְן אֱמֶת, עֶס אִיז מְקִיוּם גֶעוָוארְן דִי פָּסוּק (דָנִיאֵל ח, יב): **וְתַשְׁלֵךְ אֱמֶת אַרְצָה.** בִּפְרַט דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה פוּן אַלֶע צָרוֹת דִי טוּמְאָה פוּן חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוּת, וָואס עֶס אִיז דָא וָואס לֶערְנֶען דִי חָכְמוֹת פוּן דִי גוֹיִם אוּן זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ. אוֹיךְ אִיז דָא בָּחוּרִים פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁטִיבֶּער, וָואס גֵייעֶן אִין יוּנֶעוֶוערְסֶעטִי, אוּן קַאלִידְשׁ, אַלֶעס מִיט דִי כַּוָונָה אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט): **כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים.** וַוייל עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט דָא אֵיינֶער, וָואס קוּמְט אַרוֹיס רֵיין פוּן דָארְט, אָן קַיין מַחֲשָׁבוֹת פִּגּוּל פוּן כְּפִירָה, וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, לֵיצָנוּת אוֹיף עֶרְלִיכֶע יוּדְן.

דֶערְפַאר! דִי עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן דָארְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואלְטְן עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט בַּאגְרָאבְּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל אַזוֹי הַרְגְ׳נֶען זֵיי אָפּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, עֶס גֵייט אַרַיין אִין דִי עִנְיָן פוּן הַמַעֲבִיר בָּנָיו לְמוֹלֶךְ אוּן עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲ״ל. וַוייל דִי פְּלֶעצֶער זֶענֶען שְׁמוּצִיג, מֶען לֶערְנְט דָארְט אוֹיס דִי יוּנְגְוַוארְג חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן אַ יֶעדֶע מִין עֶרְלִיכֶע

זַאךְ, מֶען רַייסְט אַרוֹיס אַ יֶעדְע בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם. וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער וִוי דִּי צַדִּיקִים, וָואלְטְן מִיר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דִּי עֶרְד, אוּן גֶעהַאקְט קָאפּ אִין דִּי עֶרְד טָאג אוּן נַאכְט, אוֹיף דִּי בִּיטֶערֶע צָרָה וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, מַה נֹאמַר וּמַה נְדַבֵּר?! וֵויי פַאר דִּי אוֹיגְן וָואס זֶעהן דָּאס, וֵויי פַאר דִּי אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן דָּאס, אַז וֶועגְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, זָאל מֶען אַיינְשְׁטֶעלְן דִּי לֶעבְּן אִין אַ רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע סַכָּנָה. דִּי טֶעג גֵייעֶן דָּאךְ אַ דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל, וֶוער וֵוייסְט דֶען וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, מֶען זֶעהט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זָאגְן קַדִּישׁ נָאךְ זֵיי.

לֵיידֶער אִיז דָא אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע יְשִׁיבוֹת וָואס זֶענֶען גֶעמִישְׁט טוּמְאָה וּקְדוּשָׁה, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט, זֵיי זָאגְן: מִיר הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף דִּי בָּחוּרִים, מִיר וִוילְן טוּהן נָאר גוּטְס, אוֹי וֵויי! אוֹי וֵויי! לְמַעֲשֶׂה גֵייעֶן אַלֶע אַרָאפּ פוּן יוּדִישֶׁע וֶועג, וֶוער עֶס גֵייט דָּארְט אַרַיין, מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִּי תּוֹרָה, מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען מְבַטֵּל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וָואס לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גֶעכַאפְּט אִין דֶעם, זֵיי זָאגְן: אַז מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל

מִטַעַם הַמַלְכוּת, אָבֶער עַל פִּי רוֹב קוּקְן זֵיי נִישְׁט דוּרְךְ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים אוּן אַסַאךְ מָאל כַאפְּט זִיךְ אַרַיין מִינוּת וּכְפִירָה, עֲבוֹדָה זָרָה מַמָשׁ רַחֲ"ל, צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייט דָאס אַרַיין פַארְן קִינְד אִין קָאפּ, נָאךְ דֶעם הָאט עֶר שׂוֹין סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה, אוֹיף דִי צָרוֹת הָאבְּן אוּנְזֶערֶע נְבִיאִים נְבִיאוּת גֶעזָאגְט.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין אוֹיף אֱמֶתְ'ע וֶועגְן מִיט תְּמִימוּת, אוֹיף דִי וֶועג וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען. בִּפְרַט דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי אַלֵיין זֶענֶען שְׁוַואךְ אִין יוּדִישְׁקֵייט, זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דִי וֶועגְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ וִוילְן זֵיי אַז עֶס זָאל אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אַ קַדִישׁ זָאגֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, כָּל שֶׁכֵּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹי'טֶע (וָואס אֲפִילוּ דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט אַז זַיין קִינְד זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹי), זָאל עֶר מְחַנֵךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, וָואס מֶען לֶערְנְט דָארְט גְמָרָא אוּן פּוֹסְקִים, אוּן אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, נִישְׁט וִוי דִי אֶפִּיקוֹרְסִים

וָואס מַאכְן אַן עִיקָר פוּן מִקְרָא, אוּן דִקְדוּק, אוּן זֵיי זֶענֶען מְבַטֵל דִי לִימוּד גְמָרָא וְהַפּוֹסְקִים, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כח, ע"ב): **מִנְעוּ בְּנֵיכֶם מִן הַהִגָּיוֹן** — הַאלְט צוּרִיק אֵייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן אַרֵיינְקְלֶערְן צוּ סַאך אִין מִקְרָא. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין כד, ע"ב) אַז תַּלְמוּד בַּבְלִי אִיז גֶעמִישְׁט פוּן אַלֶעם, מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא. דֶער אֱמֶת אִיז אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ זַיין מִיט אַבִּיסְל אֱמֶת, מִיט דֶעם נַארְן זֵיי אַרַיין יוּדְן, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מט, ע"א): **כָּל שֶׁקֶר שֶׁאֵין בּוֹ אֱמֶת בִּתְחִלָּתוֹ, אֵינוֹ מִתְקַיֵּם** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט לִיגְנְט וֶועט עֶס קֵיינֶער נִישְׁט אָן נֶעמֶען, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַבִּיסְל אֱמֶת אִין דֶעם.

זֵיי זָאגְן אַז זֵיי טוּהן אַ טוֹבָה מִיט דֶעם וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט אוּנְז מִקְרָא, בִּיז דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי מְבַטֵל פוּן תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וָואס גֶעשֶׁעהט? מֶען הֶערְט אוֹיף אִינְגַאנְצְן צוּ לֶערְנֶען, מֶען טוּהט שְׁטוּדִירְן זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת, וֵויי אִיז פַאר זֵיי, וֵויי אִיז פַאר זֵייעֶר נֶפֶשׁ, זֵיי זָאגְן אַז דִי הֵיילִיגֶע הֲלָכָה פוּן הַמַחְלִיף פָּרָה בַּחֲמוֹר דָאס דַארְף אַ קִינְד נִישְׁט וִויסְן, נָאר דִי שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, וְויפִיל וֵויידְלֶעךְ הָאבְּן דִי וֶועוֹרִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִי וַוייטֶע לֶענְדֶער

דָאס דַארְף אַ קִינְד ווִיסְן, דָאס דְרִיקְן זֵיי אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז און אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, און אוּנְז הִיטְן פוּן זֵיי, אָמֵן.

*

### "סַבְלָנוּת פַאר מְלַמְדִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, מַגִידֵי שִׁיעוּר"

אַ מְלַמֵד און אַ מַגִיד שִׁיעוּר, דַארְפְן הָאבְּן מוֹרָא׳דִיג אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ דִי תַלְמִידִים, זֵיי דַארְפְן זִיךְ פִירְן מִיט זֵיי אוֹיף אַ רוּהִיגֶע און אַ זִיסֶע וֶועג, מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט, און מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן און פַארְשֶׁעמֶען תַלְמִידִים, וָואס עֶס הֶעלְפְט בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ יוּנְגְלֶעךְ און בָּחוּרִים זֶענֶען אָפְּגֶעפָארְן פוּן יוּדִישֶׁע וֶועג וֶועגְן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִיט גוּטְן פּוּעֶלְ׳ט מֶען גִיכֶער ווִי מִיט בַּייזְן, און אוֹיב מֶען פּוּעֶלְ׳ט שׁוֹין יָא אַמָאל מִיט בַּייזְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מִיט גוּטְן וָואלְט מֶען גִיכֶער גֶע׳פּוּעֶלְ׳ט", דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ מַגִיד שִׁיעוּר פִירְט זִיךְ מִיטְן תַלְמִיד אוֹיפְן גוּטְן וֶועג, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיפְן תַלְמִיד,

קומְט עֶר אָן אַסַאךְ שֶׁענֶער און בֶּעסֶער ווִי דֶער וָואס שְׁרַייט און רֶעגְט זִיךְ אוֹיפְן תַּלְמִיד, און אוֹיבּ מֶען זֶעהט אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט און מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן תַּלְמִיד, און עֶס הָאט גֶעהָאלְפְן, דַארְף מֶען ווִיסְן, וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט מִיטְן תַּלְמִיד רוּהִיג און שֵׁיין, וָואלְט עֶר בֶּעסֶער אוֹיפְגֶעטוּהן. דֶער תַּנָא זָאגְט אוּנְז (אָבוֹת, פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ה): **לֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד** - אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, מִיר גֶעפִינֶען בַּיי רֶבִּי פְּרֵידָא (עֵירוּבִין נד, ע״ב), עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זַיין תַּלְמִיד פִיר הוּנְדֶערְט מָאל אַן הֲלָכָה, דֶער תַּלְמִיד הָאט פַארְגֶעסֶען דִי הֲלָכָה, אִיז עֶר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דִי הֲלָכָה נָאךְ פִּיר הוּנְדֶערְט מָאל, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אַז עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ פִּיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּ לֶעבְן.

אַ מְלַמֵּד דַארְף צוּ ווִיסְן, אַז עֶס לִיגְט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת, וַוייל עֶר אִיז מְחַנֵךְ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁט אוּמְזִינְסְט זָאגְן חֲזַ״ל (סַנְהֶדְרִין יט, ע״א): **כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ** - וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין תַּלְמִיד, אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אִים גֶעבּוֹירְן. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיפְן תַּלְמִיד אַזוֹי ווִי עֶר אִיז שׁוֹין אַ גָדוֹל,

אָדֶער אַ צַדִיק, וָואס גֶעוֶוענְדְלִיך וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשׁ, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר לֶערְנְט מִיט אַ צַדִיק, אַ בַּעַל מַדְרֵיגָה, וָואלְט עֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ רֶעגְן, נָאר אַלֶעס וָואלְט צוּ גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי זָאל עֶר זִיךְ פִּירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים. אַ קִינְד ווִי מֶער מֶען וַוייזְט אִים לִיבְּשַׁאפְט, ווִי מֶער מֶען הֵייבְּט אִים, וֶוערְט זַיין מֹחַ מֶער אָפְן אוּן עֶר בַּאקוּמְט מֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען. אַ מְלַמֵד דַארְף ווִיסְן, אַז שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי מֶער מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט אַ קִינְד, וֶוערְט זַיין מֹחַ מֶער פַארְמַאכְט אוּן צוּמִישְׁט".

וֶועגְן דֶעם! וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ מַגִיד שִׁיעוּר, זָאל זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת מְלַמְדִים יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה, בִּפְרַט סְעִיף ט, וָואס דָארְט שְׁטֵייט: **אֲפִילוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְקוּהוּ מִשָּׁם, אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין** - אֲפִילוּ דַיין תַּלְמִיד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן, וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט עֶר נָאךְ פַארְשְׁטֵיין. דִי סְעִיף אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְן קַיין שׁוּם תַּלְמִיד, בִּפְרַט

הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אָפְּצוּפָארְן חַס וְשָׁלוֹם.

דֶערְפַאר! דַארְף אַ מְלַמֵד הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל אָן סַבְלָנוּת קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט אַזוֹי מַחֲמִיר גֶעוֶוען אַז אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן אוּן טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין בַּיינַאכְט (עַיֵין רְמָ"א, שָׁם, סְעִיף יז), וַוייל גֶעוֶוענְדְלִיך וֶועט מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט אוּן מֶען עֶסְט נִישְׁט, וֶועט מֶען נֶערְוֶועז, וֶועגְן דֶעם! וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט זַיין קַיין סַבְלָן אוּן וֶוערְט כְּסֵדֶר גֶערֶעגְט, טָאר עֶר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד!

*

## "אַן אוֹיפְקְלֶערוּנְג צוּ עֶלְטֶערְן מְכַבֵּד צוּ זַיין מְלַמְדִים"

עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן אַז מֶען דַארְף מוֹרָא'דִיג מְכַבֵּד זַיין אַ מְלַמֵד, אוּן נִישְׁט זִיךְ אוֹיף פִירְן צוּ אִים שֶׁלֹא בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין, אוּן נִישְׁט טִיפֶּען. עַל פִּי רוֹב לֶעבְּן דִי מְלַמְדִים אִין אַ דַחְקוּת, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע אָרִימֶע גֶעהַאלְט וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען, אוֹיף דֶעם קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ וַוארְטְן וָואכְן

און צומָאל חֲדָשִׁים. אַ מְלַמֵד דְרֵייט זיךְ אַרום כְּסֵדֶר מִיט חובות, און פון דֶעם נֶעמְט זיךְ טַאקֶע אַז אַסַאךְ מָאל וֶוערְט דִי מְלַמֵד אומְגֶעדולְדִיג.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע טָעות, אַז אויף אַלֶע לוקְסוס, שְׁטותִים און הֲבָלִים גִיבְּט מֶען אויס שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, אָבֶער פַארְן מְלַמֵד, מַשְׁגִיחַ, מַגִיד שִׁיעור, וָואס גִיבְּט זיךְ אָפּ מִיט דַיין זוהְן, רוב טָאג אִיז עֶר אונְטֶער זַיי, עֶר לַיידְט צָרות און יִסורִים פון זַיי, מַה דָאךְ דִי פָּאר שָׁעָה וָואס דֶער זוהְן אִיז אונְטֶער דִיר, קֶענְסְטו נִישְׁט אויסְהַאלְטְן פון זַיין צִיוִוילְדֶעוֶועט קֵייט, דו וֶוערְסְט שִׁיעור מְשוגָע, וָואס זָאל שׁוין דֶער מְלַמֵד זָאגְן? דֶער מְלַמֵד הָאט דָאךְ אַ גַאנְצֶע כִּתָּה.

בְּאֱמֶת וָואלְטְן זיךְ דִי טַאטֶעס פון דִי כִּתָּה גֶעדַארְפְט צַאמְנֶעמֶען און זֶעהְן אַז דִי מְלַמֵד זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַבִּיסְל הַרְחָבָה, אֲפִילו נִישְׁט הַרְחָבָה, כָּאטְשִׁיג נִישְׁט קַיין דַאֲגות הַפַּרְנָסָה, אַז וֶוען עֶר קומְט אִין חֵדֶר, זָאל עֶר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט קומֶען מִיט קַיין טַעֲנות צו דִי מְלַמְדִים, וַוייל דִי מְלַמְדִים לַיידְן צָרות פון דִי קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא זַייעֶר ווילְדֶע קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער

מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, נָאר פַארְקֶערְט מֶען דַארְף דַן זַיין דִי מְלַמֵד לְכַף זְכוּת.

*

### "סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן
### וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר וֶועג"

מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא׳דִיג אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרַט יוּנְגֶע קִינְדֶער, וַוייל דִי הַיינְטִיגֶע וֶועלְט אִיז אַזוֹי פַארְדָארְבְּן מִיט מִינוּת אוּן נִאוּף, אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג פַאר אַ קִינְד אַריינְצוּפַאלְן אִין דֶעם.

**דָא אִיז דִי פְּלַאץ אוֹיס צוּ שְׁרֵייעֶן אַ רוּף צוּ עֶלְטֶערְן:**

עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען זוֹכֶה אַז זֵייעֶר קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן גוּט, עֶר חַבֶרְ׳ט זִיךְ מִיט אַן עֶרְלִיכֶע חֲסִידִישֶׁע חֲבוּרָה, אָדֶער עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה, אוּן וַוייל דִי טַאטֶע אוּן דִי זֵיידֶעס שְׁטַאמֶען פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם, אָדֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע מַנְהִיג, הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רוֹדֶפְ׳ן זֵייעֶר זוּהְן, הַיִתָּכֵן אַז עֶר אִיז מְשַׁנֶה פוּן דִי דֶרֶךְ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּן אִים, אָדֶער אַז אוּנְזֶערֶע

עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע וֶועג.

די עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף פוּן אַזוֹי פִּיל קְרִיגֶערַייעֶן, דִי פַייעֶר וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ מַחֲלוֹקֶה צְוִוישְׁן דִי טַאטֶע אוּן דִי זוּהְן, פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, אַזוֹי גֵייט אָן כְּסֵדֶר גֶעשְׁרֵייעֶן אַהִין אוּן צוּרִיק. אַסַאךְ מָאל קוּמְט מֶען צוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט דָאס קִינְד, וָואס עַל פִּי חֲזַ״ל אִיז דָאס אַ הַארְבֶּע אִיסוּר, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מוֹעֵד קָטָן יז, ע״א): **לִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל, בְּמַכֶּה לִבְנוֹ הַגָּדוֹל הַכָּתוּב מְדַבֵּר** - אַ טַאטֶע טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן זַיין קִינְד וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אַ גָדוֹל. דֶער טַאטֶע אִיז בְּצַעַר אוּן פוּל מִיט יִסוּרִים אוֹיף זַיין גוֹרָל אוּן אוֹיף זַיין אוּמְגְלִיק, בִּיז עֶר וֶוערְט מַמָשׁ קְרַאנְק פוּן דִי צַעַר.

פוּן וָואס קוּמְט דָאס? פַארְוָואס זָאל זִיךְ דֶער טַאטֶע אַזוֹי נַארִישׁ מַאכְן? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר וֶוען דַיין זוּהְן וֶוערְט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּגֶעפָארְן, עֶר הִיט נִישְׁט קַיין שַׁבָּת, עֶר עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן עֶר קוּמְט צוּ אַייךְ אַהֵיים מִיט לַאנְגֶע בַּאוַואקְסֶענֶע הָאר רַחֲ״ל, וָואס וָואלְט אִיר דֶעמָאלְטְס גֶעטוּהן? אָדֶער וֶוען עֶר לוֹיפְט

אַוֶועק און איר זֶעהט אים מֶער נִישְׁט און עֶר הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ גוֹי'טֶע רַחֲ"ל, וָואס מֶען הֶערְט לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת אֲפִילוּ בַּיי עֶרְלִיכֶע שְׁטִיבֶער!

איז יֶעצְט וֶוען דַיין זוּהְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן חַבְרְ'ן מִיט חֲסִידִישֶׁע יוּנְגֶעלַייט, אָדֶער פַּארְקֶערְט עֶר איז אַרַיין אִין אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה, וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווי דַיין טַעַם, נוּ! אִיז וָואס?! וֶועגְן דֶעם הֵייבְּסְטוּ אִים אָן צוּ רוֹדֶפְ'ן און שְׁלָאגְן מַכּוֹת אַכְזָרִיוּת? און דוּ דְרֵייסְט אִיבֶּער דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פַּאר אַ גֵיהִנוֹם, אַלֶעס פַּארְוָואס? וַוייל עֶר גֵייט נִישְׁט נָאךְ דַיין חֲסִידוּת, אָדֶער וַוייל עֶר וִויל לֶערְנֶען אִין אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה? עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שְׁטוּת און נַארִישְׁקַייט פוּן דֶעם, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן און טַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג, אַז גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ אַן עֶרְלִיכֶע זוּהְן! וָואס וֶועט בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶע יוּד! גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ קַדִישׁ זָאגֶער וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ. אִין חֲזַ"ל שְׁטֵייט (מִדְרָשׁ רַבָּה, וַיֵרָא, פֶּרֶק מט, סִימָן ד): **כָּל מִי שֶׁיֵשׁ לוֹ בֵּן יָגֵעַ בַּתּוֹרָה, כְּאִילוּ לֹא מֵת** - ווי גְלִיקְלִיךְ איז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוען

עֶר לָאזְט אִיבֶּער אַ זוּהְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק בְּתּוֹרָה.

וֶועגְן דֶעם! לָאז אָפּ דַיין זוּהְן, פַּיינִיג אִים נִישְׁט, לָאז אִים גֵיין וִוי עֶר וִויל, אוּן אַנְשְׁטָאטְס דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס דוּ מַאכְסְט דִיר, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין זוּהְן חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע יוּדְן וָואס הִיטְן דִי תּוֹרָה.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִי זְכִיָה אַז דַיין זוּהְן חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע אֶמֶתְ'ע צַדִיקִים אִינֶעם דוֹר. אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ הָאסְט אַזַא זְכִיָה אַז דַיין זוּהְן דְרֵייט זִיךְ מִיט אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס אוֹיף זֵיי שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, דוּ דַארְפְסְט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אַז דַיין זוּהְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וַוייל סוֹף כָּל סוֹף אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט זֵיי, וֶועט עֶר פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן וִוי זֵיי. מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפּ שְׁרַייבְּן דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָה וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה דוּרְךְ דֶעם, וֶוען דַיין זוּהְן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן עֶר אִיז בַּאהָאפְּטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט דִי נְשָׁמָה אַרוֹיף מוֹרָא'דִיג הוֹיעֶךְ, אוּן אַלֶע

אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען מְקַנֵא דִי נְשָׁמָה, אַז דִי נְשָׁמָה הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזַא זוּהְן וָואס דְרֵייט זִיךְ מִיט צַדִיקִים, מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה.

אָבֶער וָואס זֶעהן מִיר? פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דַוְקָא אַזַא אֵיינֶער וָואס ווִיל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים, דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דַוְקָא אַזַא נֶפֶשׁ וָואס ווִיל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זֵיי, הֵייבְּט מֶען אִים אָן צוּ רוֹדְפְ׳ן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, מֶען שְׁלָאגְט אִים מַכּוֹת אַכְזָרִיוּת, מֶען וַוארְפְט אִים אַרוֹיס פוּן דֶערְהֵיים אוּן פוּן יְשִׁיבָה, אַלֶע זַיינֶע אַלְטֶע חֲבֵרִים, זַיינֶע גוּטֶע נָאנְטֶע פְרַיינְט, קוּקְן אוֹיף אִים מִיט אַ קְרוּמֶע אוֹיג, מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִים, מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אִים, כְּאִילוּ עֶר ווֵייסְט וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁעהן חַס וְשָׁלוֹם, זַיין טַאטֶע, בְּרוּדֶערְס, שְׁוֶוער, א.א.וו. קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִים, אוּן זֵיי הַאלְטְן אִים פָּאר: "הַיִתָּכֵן אַז דוּ חַבֶרְ׳סְט זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים?" מֶען קֶען מֵיינֶען כְּאִילוּ עֶר פָּארְט אָפּ חַס וְשָׁלוֹם.

פוּן וָואס קוּמְט דָאס? וַוייל דֶער ס"מ פַּארְדְרֵייט אַזוֹי דִי וֶועלְט, עֶר אִיז מְפַרְסֵם מְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה

ה, אות ט) אויף די פָּסוק: **וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ, שֶׁהָיָה חוֹתֵךְ זְנָבוֹת וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעְלָה, שֶׁלּוֹקֵחַ קְטַנִּים בְּמַעֲלָה שֶׁהֵם בִּבְחִינַת זָנָב נֶגֶד הָרֹאשׁ בַּיִת שֶׁהָיוּ צְרִיכִין לִהְיוֹת טְפֵלִים אֵלָיו, וְהוּא לוֹקֵחַ אֵלּוּ הַזְּנָבוֹת הַקְּטַנִּים בְּמַעֲלָה וְחוֹתְכָם וּמְרַחֲקָם מֵהַצַּדִּיק מֵהָרֹאשׁ בַּיִת הָאֲמִתִּי, וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעְלָה, דְּהַיְינוּ שֶׁעוֹשֶׂה מֵהֶם רָאשִׁים וּמַגְבִּיהַּ אוֹתָם לְמַעְלָה לְמַעְלָה, וּמַגְדִּיל שְׁמָם מְאֹד** - אַז עֶר נֶעמְט וֶוידְלֶעךְ, דָאס הֵייסְט זֵייעֶר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן און עֶר מַאכְט זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס, פַּארְוָואס טוּהט עֶר דָאס? נָאר כְּדֵי צוּ פַּארְשְׁטֶעלְן די גְרוֹיסֶע לִיכְט, דֶער אֱמֶתֶ׳ע צַדִּיק, דֶער אֱמֶתֶ׳ע רֹאשׁ בַּיִת, וַוייל דֶער צַדִּיק הָאט אַ כֹּחַ מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה צוּ זַיין די גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז אַ יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען מַאכְן רוּעֶן די שְׁכִינָה צְוִוישְׁן אוּנְז. אוֹיבּ דֶער אֱמֶתֶ׳ע צַדִּיק, דֶער רֹאשׁ בַּיִת, וָואלְט גֶעוֶועןְ אַנְפְּלֶעקְט אוֹיף די וֶועלְט און די גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט גֶעקוּמֶען צוּ אִים, וָואלְט עֶר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן די גַאנְצֶע וֶועלְט, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז בְּכֹחַ מְתַקֵּן צוּ זַיין די וֶועלְט, וֶוען מֶען וָואלְט אִים נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן די וֶועלְט.

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק, אַז אַ יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל נָאנְט וֶוערְן צוּם אֱמֶתְ'ן צַדִיק, לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט. בֶּאֱמֶת קֶען מֶען טַאקֶע נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים נָאר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד בִּיזְן סוֹף, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן קפה): **כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת, כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וַחוֹתְנוֹ אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד וּמְנִיעוֹת מֵחֲמַת מָמוֹן וּשְׁאָרֵי מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים וּבִלְבּוּלִים, שֶׁמִּשְׁתַּטְּחִים לְפָנָיו וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ מְאֹד, וְהוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ מְאֹד לְשַׁבְּרָם, כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטְּרָחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת, הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם, כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה** - ווִי מֶער שְׁוֶוערֶעקֵייטְן עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל קוּמֶען צוּם אֱמֶתְ'ן צַדִיק, אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ, ווַייל דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִיק אַסַאךְ מֶער קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה. אוּן ווִי מֶער עֶר דַארְף זִיךְ מִיטְשֶׁענֶען צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁוֶוערֶעקֵייטְן, סֵיי שְׁוֶוערֶעקֵייטְן וָואס עֶר הָאט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, סֵיי

פון גֶעלְט א.ד.ג., נֶעמְט עֶר מֶער און מֶער פונֶעם צַדִיק. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ו): אַז ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ כָּבוֹד אֱלוֹקִי שֶׁפַע הַכֶּתֶר.

*

## "סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ"

עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע קִינְדֶער, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ, כָּל שֶׁכֵּן אוֹיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָפְּגֶעפָארְן, זֵיי זֶענֶען מְחַלֵל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא, וָואס לֵיידֶער מַאכְט זִיךְ עֶס זֵייעֶר אַסַאךְ, דַארְפְן הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְן, נָאר מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵייעֶר הַארְץ אַ רוּחַ טָהֳרָה, אַז זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּהן. וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים, טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְן, אֲפִילוּ מֶען קֶען צוּפְלַאצְט וֶוערְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהט ווִי אַזוֹי זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן יוּדִישְׁקֵייט און פון מִצְוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ

סַבְלָנוּת. פוּן צַייט צוּ צַייט זֶעה צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּשׁוּבָה. אֲפִילוּ עֶס זֶעהט דִיר אוֹיס אַז דוּ טַאפְּסְט אַ וַואנְט, עֶס טוּהט גָאר נִישְׁט אוֹיף, אַדְרַבָּה, אַסַאךְ מָאל מַאכְסְטוּ נָאר עֶרְגֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם, זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן זַיין צוּגֶעלָאזְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְן, וַוייל זֵיי קֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן אָפְּהַאקְן פוּן דִיר, אוּן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם שְׁמַדְ'ן.

אוֹיבּ וֶועסְטוּ זֵיי מוּסָר זָאגְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מוּסָר גֶעזָאגְט פַאר דִי יוּדְן, וֶוען עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל מִיט דִי לוּחוֹת, עֶר הָאט גֶעזֶעהן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעטוּהן, גֶעמַאכְט אַן עֵגֶל מִיט גִילוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ", (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן ח), וֶועלְן זֵיי צוּם סוֹף תְּשׁוּבָה טוּהן. אֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם זֵיי אַלֵיין וֶועלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶועסְטוּ כָאטְשׁ פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ דִיבּוּר הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע כֹּחַ, אַז דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן, כָּל שֶׁכֵּן דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִילָה קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין

צום אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר אַז מַיין קִינְד זָאל זַיין עֶרְלִיךְ און נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר און קוּק צוּ מַיין צַעַר וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן מַיין קִינְד, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶעהן יוּדִישׁ נַחַת, עֶר זָאל לֶעבְּן אַ יוּדִישׁ לֶעבְּן"**. אוֹיבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת און כְּסֵדֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ שֶׁעפְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים.

דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין, אַז עֶס זָאל קוּמֶען שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף זֵיי, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת י, ע"א): **יִתָּמוּ חֲטָאִים, מִי כְּתִיב חוֹטְאִים? חֲטָאִים כְּתִיב** - שְׁטֵייט דֶען אִין פָּסוּק אַז דִי זִינְדִיגֶע וֶועלְן שְׁטַארְבְּן? עֶס שְׁטֵייט אַז דִי זִינְד וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן. מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן, וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה לֹא עָלֵינוּ, און רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן און עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים, און עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט:

"אַז דו הָאסְט אַזַא כֹּחַ פון תְּפִילָה, וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן".

*

## "סַבְלָנוּת פַאר אַ יָתוֹם און אַ יְתוֹמָה"

אַ יָתוֹם און אַ יְתוֹמָה דַארְפְן הָאבְּן זַייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל אוֹיף זֵיי אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן און צוּקְלַאפְּט און דֶערְבִּיטֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַאר וֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן זַייעֶרע פְּרָאבְּלֶעמֶען און זַייעֶר צוּבְּרָאכְן הַארְץ, וָואס פון דֶעם קוּמְט טַאקֶע אַז זֵיי וֶוערְן מְיָאוּשׁ און צוּבְּרָאכְן, און זֵיי גֶעבְּן אוֹיף זַייעֶר לֶעבְּן. אָבֶּער בְּאֶמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט! אַ יָתוֹם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טַאטֶע אָדֶער אַ מַאמֶע, אִיז אַסַאךְ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זַייעֶר טַאטֶע אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים סח): **אֲבִי יְתוֹמִים וְדַיַּן אַלְמָנוֹת אֱלֹהִים בִּמְעוֹן קָדְשׁוֹ.**

וֶועגְן דֶעם! וָואס דוּ דַארְפְּסְט נָאר בְּרוּחֲנִיוּת אָדֶער בְּגַשְׁמִיוּת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ גוּטֶע פְרַיינְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל,

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַ יֶעדֶע וָוארְט וָואס דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן פוּן אִים וֶועט עֶר דִיר עֶנְטְפֶערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כב, כב): **כִּי אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי** - אוֹיב וֶועט דֶער יָתוֹם שְׁרֵייעֶן צוּ מִיר, **שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ** - וֶועל אִיךְ הֶערְן זַיין גֶעשְׁרֵיי. אוּן וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים י, יח): **עֹשֶׂה מִשְׁפַּט יָתוֹם וְאַלְמָנָה** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אַ יָתוֹם אוּן אַן אַלְמָנָה. אוֹיךְ שְׁטֵייט (תְּהִילִים י, יד): **יָתוֹם אַתָּה הָיִיתָ עוֹזֵר** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ יָתוֹם. חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, מִשְׁפָּטִים, פֶּרֶק ל, סִימָן ח): **רַבִּי יוֹסִי אוֹמֵר: לָמָּה אוֹהֵב אֱלֹהִים יְתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת?** - פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת? **שֶׁאֵין עֵינֵיהֶם תְּלוּיוֹת אֶלָּא בּוֹ** - וַוייל זַייעֶר אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָואנְדְן, נָאר צוּ אִים, **שֶׁנֶּאֱמַר: אֲבִי יְתוֹמִים. לְכָךְ כָּל הַגּוֹזְלָן, כְּאִלּוּ גּוֹזֵל לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא אֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם** - אוּן וֶוער עֶס טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר טְשֶׁעפֶּעט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן דֶעם! אַ יֶעדֶע יָתוֹם אוּן יְתוֹמָה, טָאר נִישְׁט זַיין גֶעפַאלְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אִיבֶּער אַסַאךְ יִסוּרִים, נָאר זֵיי זָאלְן הָאבְּן בִּטָחוֹן אִינֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר אִיז זַייעֶר טַאטֶע, עֶר הֶערְט צוּ זַייעֶר קוֹל, זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן זָאלְן הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן וַוארְטְן אוֹיף זַייעֶר יְשׁוּעָה, וָואס וֶועט זִיכֶער אָנְקוּמֶען.

וֶוען אַ יָתוֹם אָדֶער אַ יְתוֹמָה וָואלְט גֶעוואוּסְט, דִי גְרוֹיסְקַייט וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אִין הִימְל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְטְן זֵיי שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶועוען אִין דֶעם. כָּל שֶׁכֵּן דִי נַחַת וָואס מֶען פַּארְשַׁאפְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן דוּרְךְ דֶעם. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר, וַיֵּרָא, דַף קטו, ע״א): **בַּר נָשׁ דְזָכֵי לִבְנִין בְּהַאי עָלְמָא** - אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה אִיבֶּער צוּ לָאזְן קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, **זָכֵי בְּהוּ לְמֵיעַל לְפַרְגוֹדָא בְּעָלְמָא דְאָתֵי** - אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי מְחִיצָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בְּגִין דְהַהוּא בְּרָא דְשָׁבִיק בַּר נָשׁ וְזָכֵי בֵּיהּ בְּעָלְמָא דָא, אִיהוּ יִזְכֵּי לֵיהּ לְעָלְמָא דְאָתֵי, וְזָכֵי לְאַעֲלָא בֵּיהּ לְנַחֲלַת ה׳** - דֶער זוּהְן וֶועט אִים אַרַיינְפִירְן לְנַחֲלַת ה׳.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת): **פַּעַם אַחַת הָיָה רַבִּי עֲקִיבָא מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ** -

רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגֶענְס, **וּמָצָא אָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה מְכוֹעָר בְּיוֹתֵר, וְהָיָה נוֹשֵׂא מַשּׂאוֹי גָּדוֹל שֶׁל עֵצִים** - אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַייעֶר אַ מִיאוּסֶ׳ע מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט גֶעטְרָאגְן אַ שְׁוֶוערֶע בִּינְטְל הָאלְץ, **אָמַר לוֹ: רַבִּי! אָדָם הָיִיתִי וּכְבָר נִפְטַרְתִּי מִן הָעוֹלָם הַהוּא, וּבְכָל יוֹם וָיוֹם אֲנִי מֵבִיא מַשּׂאוֹי כָּזֶה, וּמַכְנִיסִין אוֹתִי בְּתוֹךְ הַגֵּיהִנּוֹם וְשׂוֹרְפִין אוֹתִי בְּתוֹכָהּ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּיּוֹם** - הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי עֲקִיבָא: אִיךְ בִּין אַ נִפְטָר פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַ יֶעדְן טָאג בְּרֶענְג אִיךְ הָאלְץ, מֶען לֵייגְט מִיר אַרַיין דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין גֵיהִנּוֹם אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְט מִיר מִיט דֶעם, **אָמַר לוֹ: מֶה עָשִׂיתָ, שֶׁעוֹשִׂין לְךָ כֵּן?** - הָאט אִים רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּהן אַז מֶען טוּהט דָאס צוּ דִיר? **אָמַר לוֹ: אֲנִי בָּאתִי עַל נַעֲרָה הַמְאוֹרָסָה בְּיוֹם הַכִּיפּוּרִים** - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן אַן עֲבֵירָה אִין יוֹם כִּיפּוּר, **אָמַר לוֹ: בְּנִי! שָׁמַעְתָּ אִם יֵשׁ לְךָ תַּקָּנָה בְּאוֹתוֹ עוֹלָם?** - הָאט אִים רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעפְרֶעגְט: הָאסְטוּ עֶפֶּעס גֶעהֶערְט צוּ עֶס אִיז דָא אַ תַּקָּנָה פַאר דִיר? **אָמַר לוֹ: כָּךְ שָׁמַעְתִּי שֶׁבִּזְמַן שֶׁיַּעֲלֶה בְּנִי לְסֵפֶר תּוֹרָה, וְיֹאמַר: בָּרְכוּ אֶת ה׳ הַמְבוֹרָךְ, מוֹצִיאִין אוֹתִי מִגֵּיהִנּוֹם וּמַכְנִיסִין אוֹתִי בְּגַן עֵדֶן** - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט:

אַז װען מַיין זוהן װעט עוֹלֶה זַיין צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן זָאגְן: בָּרְכוּ אֶת ה׳ הַמְבוֹרָךְ, װעט מֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גֵיהִנוֹם אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין גַן עֵדֶן.

אוֹיךְ שְׁטֵייט עֶנְדְלִיךְ צוּ דֶעם (זוֹהַר חָדָשׁ, אַחֲרֵי, דַף מט, ע״א): **הַהוּא בַּר נָשׁ מִית דְהוּא אֲבוּהִי דִינוּקָא** - עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן, **דַהֲווֹ דָיְינִין לֵיהּ** - אוּן מֶען הָאט אִים דַן גֶעוֶוען, **אָתָא בְּחֶלְמָא לְחָכָם דָא** - אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶער רֶבִּי וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זַיין זוּהְן, **וְאַמַר לֵיהּ: רַבִּי! כְּמָה דְנִחַמְתְּ לִי, יְנַחֵם לָךְ הַקָבָּ״ה** - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: רֶבִּי! אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעטְרֵייסְט, זָאל דִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְטְן, **בְּשַׁעֲתָּא דַאֲמַר בְּנִי הַהַפְטָרָה בַּקָהָל, אַפְקְעֵי לִי מִן דִינָא** - אִין דִי צַייט וָואס מַיין זוּהְן זָאגְט דִי הַפְטוֹרָה, נֶעמְט מֶען מִיר אַרוֹיס פוּן גֵיהִנוֹם, **בְּשַׁעֲתָּא דַעֲבַר לִתְפִלָּה, וַאֲמַר קַדִישׁ, קָרְעוּ לִי גְזַר דִין מִכֹּל וָכֹל** - אוּן אִין דִי צַייט וָואס מַיין זוּהְן זָאגְט קַדִישׁ, צוּרַייסְט מֶען אִינְגַאנְצְן מַיין גְזַר דִין, **וּבְשַׁעֲתָּא דְאִתְחַכַּם, יַהֲבוּ לִי חוּלָקָא בְּגִנְתָא דְעֵדֶן** - אוּן אִין דִי צַייט וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס חָכְמָה, חָכְמַת הַתּוֹרָה, גִיבְּט מֶען מִיר אַ חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן.

## "סַבְלָנוּת פַאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער"

דֶער וָואס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, דַארְף הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ וִוי אַ טוֹיטֶע מֶענְטְש, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים סד, ע"ב): **מִי שֶׁאֵין לוֹ בָּנִים חָשׁוּב כְּמֵת** - וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אִיז גֶערֶעכְנְט וִוי אַ טוֹיטֶע מֶענְטְש. עֶר אִיז זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְיָאוּשׁ. בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַ דוּרְךְ אַסַאךְ יָארְן פוּן זַיין חֲתוּנָה אוּן עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, טְרַאכְט עֶר אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן אִיז דָאס אַ פַאנְטַאזִיעֶ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס רַחְמָנוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַסַאךְ וֶועגְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְש, דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִילּוֹת קֶען מֶען אוֹיסְבֶּעטְן קִינְדֶער. דָאס אַז דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלוּסְט צוּ הֶערְן דַיין גֶעבֶּעט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (הוּבָא בְּיַלְקוּט לֶךְ לְךָ, רֶמֶז עח): **פַּעַם אַחַת**

**הָיִיתִי עוֹבֵר מִמָּקוֹם לְמָקוֹם, וּמָצָאתִי זָקֵן אֶחָד** - אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט: אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן יוּד, **וְאָמַר לִי: רַבִּי מִפְּנֵי מַה בַּעֲלֵי בָּתִּים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל נֶעֱצָרִים עַל הַבָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם?** - אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס זֶעהט מֶען אַז אַסַאךְ יוּדִישֶׁע שְׁטִיבֶּער זֶענֶען אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן קִינְדֶער? **אָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֲבָן אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶם, וּמְצָרְפָן בָּהֶם כְּדֵי שֶׁיַּרְבּוּ רַחֲמִים לְפָנָיו** - הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי זֵייעֶר לִיבּ אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זֵיי, עֶר פְּרָאבִּירְט זֵיי אוֹיס כְּדֵי זֵיי זָאלְן אִים אַסַאךְ בֶּעטְן, **וּלְמוֹד מֵאַבְרָהָם וְשָׂרָה, שֶׁהָיוּ עֲקוּרִים מִיִּצְחָק שִׁבְעִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה וְהִרְבּוּ רַחֲמִים, עַד שֶׁבָּא יִצְחָק וְשָׂמְחוּ בּוֹ** - אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהן בַּיי אַבְרָהָם אוּן שָׂרָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער פַאר פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז יִצְחָק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, **צֵא וּלְמַד מֵרִבְקָה שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה עֶשְׂרִים שָׁנָה, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים, עַד שֶׁבָּא יַעֲקֹב, וְשָׂמְחוּ בּוֹ** - אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהן בַּיי רִבְקָה, זִי אִיז גֶעוֶוען אַן עֲקָרָה צְוָואנְצִיג יָאר אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז יַעֲקֹב אִיז

גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, **צֵא וּלְמַד מֵרָחֵל שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה, מִשְּׁנֵי יְלָדִים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים, עַד שֶׁבָּאוּ שְׁנֵיהֶם, וְשָׂמְחָה בָּהֶם** - אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן בַּיי רָחֵל, זִי אִיז גֶעוֶוען אַן עֲקָרָה פֶערְצְן יָאר, פוּן אִירֶע צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, **צֵא וּלְמַד מֵחַנָּה שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה תְּשַׁע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים, עַד שֶׁבָּא שְׁמוּאֵל, וְשָׂמְחוּ בוֹ** - אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן בַּיי חַנָּה, זִי אִיז גֶעוֶוען אַן עֲקָרָה נַיינְצְן אַ הַאלְבּ יָאר, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז שְׁמוּאֵל אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ! אַז דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט צוּרִיק פוּן דִיר קִינְדֶער, אִיז נָאר וַוייל עֶר גְלוּסְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי דוּ קוּמְסְט אוּן דוּ בֶּעטְסְט אִים: **"בַּאשֶׁעפֶער גִיבּ מִיר קִינְדֶער"**, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סד, ע"א): **מִפְּנֵי מָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ עֲקוּרִים?** - פַארְוָואס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעוֶוען עֲקָרִים? **מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים** - וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלוּסְט צוּ דִי תְּפִילוֹת פוּן צַדִיקִים. אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת תָּבֹא): **שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - דְרַיי

שְׁלִיסְלֶעךְ זֶענֶען אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְאֶחָד מֵהֶם מַפְתֵּחַ שֶׁל עֲקָרוּת** - אוּן אֵיינְס פוּן זֵיי אִיז דִי שְׁלִיסְל פוּן הָאבְּן קִינְדֶער.

וֶועגְן דֶעם! דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ זֶעהסְט ווִי עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אוּן דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶס טוּהט דִיר זֵייעֶר וֵויי, זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאג אִים: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, גִיבּ מִיר קִינְדֶער, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן!**", דָאס זָאלְסְטוּ טוּהן יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ דוּ זֶעהסְט נִישְׁט ווִי דוּ טוּהסְט עֶפֶּעס אוֹיף, וַוייל קַיין שׁוּם תְּפִילָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן אוֹיבּ וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן קִינְדֶער אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט אִיז אוֹיךְ גוּט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן כ), וַוייל אִין דִי עִנְיָן פוּן קִינְדֶער טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט עַקְשָׁנֶ'עןְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן יא): **לִפְעָמִים מִי שֶׁאֵין לוֹ בָּנִים** - אַמָאל וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, **וּכְשֶׁמִּתְפַּלְּלִים עָלָיו שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בָּנִים הוּא מֵת** - אוּן וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵל אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער שְׁטַארְבְּט עֶר.

וֶועגְן דֶעם, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַרוּם גֵּיין צוּקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ עֶס אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן פַּאר יֶענֶעם, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי יִסוּרִים פוּן נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער, דָאךְ דַארְפְּסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס שְׁטַארְקְן אוּן טְרַאכְט: "אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זָאל אִיךְ מִיר נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן? אָדֶער כַאפְּן אַ נֶערְוְון בְּרָאךְ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט זִיכֶער וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר, זֶעהט אוֹיס אַז אַזוֹי מוּז זַיין מַחֲמַת מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה".

זֶעה זִיךְ אַריינְצוּלֵייגְן בְּטוֹבַת הַכְּלַל צוּ הֶעלְפְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן צוּ זַיין פוּן דִי מְזַכֵּי הָרַבִּים, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועט דַיין נָאמֶען בְּלַייבְּן אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת. בִּפְרַט צוּ הֶעלְפְּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק וָואס מַאכְט אוּן בַּאשַׁאפְט פְרִישֶׁע נְשָׁמוֹת, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעבּוֹירְן דִי נְשָׁמוֹת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה פַאר עֶרְלִיכֶע אָרִימֶעלַייט, וָואס דוּרְךְ דִי צְדָקָה דֶערְפְרֵייעֶן זִיךְ דִי אָרִימֶעלַייט אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי דוּ גֶעבּוֹירְסְט פְרִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

װער רֶעדְט נָאךְ אוּיב דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן אוֹיף צִיעֶן אַ יָתוֹם אָדֶער אַ יְתוֹמָה, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה יג, ע"א): **כָּל הַמְגַדֵּל יָתוֹם וִיְתוֹמָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ** - װער עֶס צִיהט אוֹיף אַ יָתוֹם אָדֶער אַ יְתוֹמָה, **מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ** - װערְט עֶס גֶערֶעכְנְט פַּאר אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אִים גֶעבוֹירְן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (כְּתוּבּוֹת נ, ע"א): **עוֹשֶׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, זֶה הַמְגַדֵּל יָתוֹם וִיְתוֹמָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וּמַשִּׂיאָן** - דֶער וָואס טוּהט אוֹיף צִיעֶן אַ יָתוֹם אָדֶער אַ יְתוֹמָה אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה, דֶער טוּהט שְׁטֶענְדִיג צְדָקָה. חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, כִּי תִשָּׂא, פֶּרֶק מה, סִימָן ו): **הֶרְאָה לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת כָּל אוֹצָרוֹת שֶׁל מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁמְּתֻקָּנִים לַצַּדִּיקִים** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי אַלֶע אוֹצְרוֹת שְׂכַר וָואס עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַּאר דִי צַדִּיקִים, **וְאָמַר: אוֹצָר זֶה שֶׁל מִי?** - הָאט מֹשֶׁה גֶעפְרֶעגְט: פַּאר וֶועמֶען אִיז דָאס? **וְהֵשִׁיב לוֹ: שֶׁל מְגַדְּלֵי יְתוֹמִים** - הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָאס אִיז פַּאר דִי וָואס צִיעֶן אוֹיף אַ יָתוֹם אָדֶער אַ יְתוֹמָה. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט, אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב יְתוֹמִים אֲפִילוּ

עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער טָארְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן אוּן פִילְן גֶעפַאלְן, נָאר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת אוּן טוּהן זַאכְן פַארְן כְּלַל, אַז דַיין נָאמֶען זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

*

## "סַבְלָנוּת פַאר עֶלְטֶערְן
## וָואס אַ קִינְד אִיז זֵיי נִפְטָר גֶעוָוארְן"

עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן פַארְלוֹירְן קִינְדֶער בִּשְׁעַתְ'ן לֶעבְּן וָואס דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁוֶועְרֶע צַעַר (דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַ יֶעדֶע יוּד פוּן דֶעם) דַארְפְן הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן אַ קִינְד, עֶר הָאט גֶעהַאט מוֹרָא'דִיג אַסַאךְ יִסוּרִים, (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצד): **אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ, רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים** - נָאךְ אַלֶע יִסוּרִים טוּהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אוּנְז אַסַאךְ גוּטְס, נָאר אוּנְז

וִוילְן נִישְׁט קְלֵיין מַאכְן דִי יִסוּרִים, **וְגַם בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי אֵינָם יִסּוּרִים קְטַנִּים, אֲבָל נֶגֶד דְבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת, כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה, וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ** - און בְּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קְלֵיין, נָאר קֶעגְן אֵיין רֶגַע דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס גָארְנִישְׁט, וַוייל דוּרְךְ דִי יִסוּרִים און צַעַר וֶוערְט מֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ** - וַוייל וֶוער מַאכְט מִיר צַעַר? וֶוער נֶעמְט אַוֶועק פוּן מִיר גֶעזוּנְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין בַּאהָאפְּטְן צוּ אִים, **וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקֵחַ חַס וְשָׁלוֹם אֵיזֶה בֵּן, מִי לוֹקֵחַ? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** - אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס וֶוערְט אַוֶועקְגֶענוּמֶען אַ קִינְד פוּן אֵיינֶעם, וֶוער הָאט דָאס גֶעטוּהן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט אִיז עֶר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר גֶעפִינֶען (בְּרָכוֹת ה, ע״ב): אַז רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ בֵּיין פוּן זַיין צֶענְטֶע זוּהְן אוּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט בַּיי זִיךְ, וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין מְנַחֵם אָבֵל זַיין, הָאט עֶר עֶס מִיטְגֶענוּמֶען אוּן מִיט דֶעם פְלֶעגְט עֶר טְרֵייסְטְן אַנְדֶערֶע אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דִי בֵּיין פוּן מַיין צֶענְטֶע זוּהְן״. חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, כִּי תֵצֵא, פֶּרֶק ב): **אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי: אִם מֵת לְאָדָם בֵּן, לֹא יִהְיֶה קוֹרֵא תִּגָּר** - רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט: אוֹיב שְׁטַארְבְּט בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אַ קִינְד, זָאל עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁהַבֵּן מְרַצֶּה אוֹתוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - וַוייל דֶער זוּהְן בֶּעט פַּאר אִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן עֶס אִיז זִיכֶער אַז עֶס וֶוערְט אִים נִמְחָל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער זוּהְן בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע.

אֲפִילוּ עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, טָאר עֶר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מַשִּׂיג זַיין בַּיים לֶעבְּן,

בִּפְרַט אוֹיף דֶעם וָואס דִי קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא, אוֹת נ): עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען אַנְטְפְּלֶעקְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר נָאכְן שְׁטַארְבְּן, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן זֶענֶען טָאמֶער זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין זַיין לֶעבְּן, זָאגְט מֶען אִים פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶערְפַאר! טָארְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר פַארְקֶערְט דוּ זָאלְסְט אַלֶעס אָן נֶעמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת, סב ע"ב): **וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ, הָיוּ לוֹ בָּנִים בְּיַלְדוּתוֹ, יִהְיוּ לוֹ בָּנִים בְּזִקְנָתוֹ** - אוּן אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ טוּהְן גוּטֶע מַעֲשִׂים, וַוייל עִיקָּר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים מַעֲשִׂים טוֹבִים, זָאלְסְט זֶעהְן צוּ טוּהְן טוֹבוֹת פַארְן כְּלַל אַז עֶס זָאל אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן דִיר אַ נָאמֶען, אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן, "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּהט אִיז גוּט" אוּן עֶס אִיז זִיכֶער דָא אַ טִיפֶע כַּוָּונָה אִין דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מד): **צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו.**

***

# פֶּרֶק ו

## "סַבְלָנוּת פַאר אַ קְרַאנְקֶע מֶענְטְש"

אַ מֶענְטְש וָואס אִיז קְרַאנְק אוּן הָאט יִסוּרִים, דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוּת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דַאוֶונֶען אוּן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר זֶעהן צוּ לֶערְנֶען גְרִינְגֶע לִימוּדִים, לְמָשָׁל מֶדְרָשׁ, עַיֵּין יַעֲקֹב אוּן תַּנַ"ךְ א.א.וו., אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין נד, ע"א): **חָשׁ בְּרֹאשׁוֹ יַעֲסוֹק בְּתוֹרָה, חָשׁ בִּגְרוֹנוֹ יַעֲסוֹק בְּתוֹרָה, חָשׁ בְּכָל גּוּפוֹ יַעֲסוֹק בְּתוֹרָה** - אוֹיבּ טוּהט דִיר וֶויי דַיין קָאפּ, אָדֶער דַיין הַאלְז, אָדֶער דַיין גַאנְצֶע גוּף, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס.

אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ כָאטְשִׁיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, אַזוֹי וְוי

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, וַיֵּרָא, פֶּרֶק נג, סִימָן יד): **יָפָה תְּפִלַּת הַחוֹלֶה לְעַצְמוֹ יוֹתֵר מִכֹּל** - עֶס אִיז בֶּעסֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְרַאנְק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דִי תְּפִילוֹת וָואס אַנְדֶערֶע בֶּעטְן פַאר אִים.

גֶעוֶועוְנְדְלִיךְ אַ חוֹלֶה וָואס אִיז זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, דֶערְצֵיילְט זַיינֶע וֵוייטָאגְן פַאר יֶעדֶער וָואס קוּמְט אִים בַּאזוּכְן, אַ גַאנְצֶע טָאג רֶעדְט עֶר נָאר פוּן זַיינֶע וֵוייטָאגְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְדֶערְשׁ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע וֵוייטָאגְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט דָאס פַאר דַיין חַבֵר, זָאלְסְט זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייל מִיר אוֹיס, דוּ בִּיסְט דָאךְ דִי רוֹפֵא נֶאֱמָן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי..., אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דוּ טוּסְט אִיז גוּט, דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר, דוּ בִּיסְט דָאךְ דִי רַחְמָנוּתְ'דִיגֶע טַאטֶע, קוּק צוּ מֵיין צַעַר, קוּק צוּ מַיינֶע וֵוייטָאגְן, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ ווִיל זַיין גֶעזוּנְט!"**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט עֶר דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, נָאר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן

נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וַוייל אַלֶעס אִיז זִיכֶער לְטוֹבָה.

בִּפְרַט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַ בַּעַל מוּם, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן מוֹרָא׳דִיג אַסַאךְ סַבְלָנוּת, דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן דַיין לֶעבְּן אוֹיף דַיין וֶועג אוּן זֶעה צוּ טוּהן גוּטֶע מַעֲשִׂים. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וָואס צוּ זָארְגְן, וַוייל דַיינֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען מְכֻפָּר גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין מ, ע״ב): **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵבִיא יִסּוּרִים עַל צַדִּיקִים בָּעוֹלָם הַזֶּה, כְּדֵי שֶׁיִּירְשׁוּ הָעוֹלָם הַבָּא** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט יִסּוּרִים פַאר צַדִּיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אָפְּקוּמֶען זֵייעֶר עֲבֵירוֹת אוּן זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אוּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶּער וִוי אַזוֹי זֶעהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט טַאקֶע בַּיי דֶעם? עֶר בְּרֶענְג יִסּוּרִים אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר עֶר טְרָאסְט אִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, וַיִּגַּשׁ, פֶּרֶק צד, סִימָן ה): **אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**

**מְיַחֵד שְׁמוֹ עַל בְּרִיָּה כְּשֶׁהוּא חַי אֶלָּא עַל בַּעֲלֵי יִסּוּרִין** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְאֵיינְצִיגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ ווילַאנְג עֶר לֶעבְּט, נָאר אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יִסוּרִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים, פֶּרֶק צד): **אֵיזֶה הוּא דֶרֶךְ שֶׁמְּבִיאָה אֶת הָאָדָם לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, אֵלּוּ הַיִּסּוּרִים** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסוּרִים בְּרֶענְגְט עֶס אִים צוּ, צוּ עוֹלָם הַבָּא.

זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּארְדְרֵייעֶן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְ אַרַיין אִין דִיךְ אוּן מַאכְט דִיךְ טְרַאכְטְן: "אַז דִי צָרָה וָואס אִיךְ הָאבּ, קוּמְט מִיר וֶועגְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר", דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע טָעוּת, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה, ע"א): **כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִים** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט יִסוּרִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט לִיבּ, **וְאִם קִבְּלָם מַה שְּׂכָרוֹ? יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים** - אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אָן דִי יִסוּרִים, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת אוּן אֲרִיכַת יָמִים. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת פח, ע"ב): **עוֹשִׂין**

**מֵאַהֲבָה, וּשְׂמֵחִים בְּיִסּוּרִין עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר: וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ** - אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע יִסוּרִים און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דָאס הֵייסְט עֶר דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט וִוי דֶער זוּן שַׁיינְט אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ שְׁטַארְקַייט.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ, אֵיי אִיךְ הָאבּ דָאךְ יִסוּרִים? דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס דוּ קוּמְסְט אָפּ מִיט דַיינֶע יִסוּרִים און פוּן וָואס דוּ רַאטֶעוֶועסְט זִיךְ יֶעצְט מִיט דֶעם. זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, זָאלְסְט אִים דֶערְצֵיילְן דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל און עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פוּן דִי יִסוּרִים אִיז טַאקֶע וֶועגְן דֶעם, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּ קְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און רֶעדְן צוּ אִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל

זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, כִּי תֵצֵא, פֶּרֶק ב): **צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו** - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט יִסוּרִים, **לָמָה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - וַוייל דוּרְךְ דֶעם טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִסוּרִים פַארְגֶעסְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

*

### "דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בִּיקוּר חוֹלִים"

דִי סֵדֶר פוּן אַ חוֹלֶה אִיז, אַז עֶר רֶעגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט גֵייט אִים אוֹיף דִי נֶערְוְון, צוּלִיב דִי גְרוֹיסֶע יִסוּרִים וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ. וָואס וֶועגְן דֶעם הָאבְּן חֲזַ"ל זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, אַז מֶען זָאל זֵיי מְחַזֵק זַיין, מֶען זָאל זֵיי טְרֵייסְטְן און אַרוֹיסְהֶעלְפְן. חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא, פֵּאָה, פֶּרֶק א): **שֶׁבִּקּוּר חוֹלִים אָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא** - אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי מִצְוָה פוּן

בִּיקוּר חוֹלִים אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען גוּטְס סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (נְדָרִים לט, ע״ב): **כָּל הַמְבַקֵּר חוֹלֶה נוֹטֵל אֶחָד מִשִּׁשִּׁים בְּצַעֲרוֹ** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה הֶעלְפְט עֶר דֶעם קְרַאנְקְן, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַ זֶעכְצִיגְסְטְל פוּן זַיין קְרֶענְק, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (שָׁם): **בִּיקוּר חוֹלִים אֵין לָהּ שִׁיעוּר אֲפִילוּ מֵאָה פְּעָמִים בַּיּוֹם** - דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ טוּהן אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט מָאל אַ טָאג, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (שָׁם מ, ע״ב): **יָצָא רַבִּי עֲקִיבָא וְדָרַשׁ כָּל מִי שֶׁאֵין מְבַקֵּר חוֹלִים כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים** - רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵּר קַיין חוֹלִים אִיז גֶערֶעכְנְט וִוי עֶר הַרְגֶ׳עט מֶענְטְשְׁן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (שָׁם מ, ע״ב): **שֶׁהַשְּׁכִינָה שְׁרוּיָה לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל חוֹלֶה** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהט הֶעכֶער דִי בֶּעט פוּן אַ חוֹלֶה.

וֶועגְן דֶעם, אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מִצְוָה, צוּ גֵיין מְבַקֵּר זַיין חוֹלִים אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְוֶועקְן אַז זֵיי זָאלְן עֶפֶענֶען זֵייעֶר מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דֶעם קֶענֶען מִיר נִישְׁט מַשִּׂיג

זַיין, דוּ זָאלְסְט זֵיי אַסַאךְ מְחַזֵק זַיין, וַוייל גֶעוֶועןנְדְלִיך זֶענֶען חוֹלִים זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען זָאל זֵיי חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אָדֶער טְשֶׁעפֶּענֶען.

אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן אִים, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען, אַזוֹי וְוי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נח, ע״ב), וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרָאף אוֹיף דֶעם, נָאר דוּ זָאלְסְט זֶעהן צוּ הָאבְּן מִיטְלַייד מִיט דַיין חַבֶר׳ס צַעַר אוּן מִיט אַלֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, דוּ זָאלְסְט זֵיי כְּסֵדֶר מְחַזֵק זַיין אוּן טְרֵייסְטְן, דֶעמָאלְסְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

***

מוֹהֲרָא״ש נ״י זָאגְט: וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַ דוּרְךְ אוֹיף אִים, וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן זִיסֶע לֶעבְּן.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ, חֵלֶק א, סִימָן תתקיא)

# פֶּרֶק ז

## "סַבְלָנוּת פַאר הַכְנָסַת אוֹרְחִים און הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט"

דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, הֶעלְפְן אָרִימֶע און צוּבְרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכז, ע"ב): **גְדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִין יוֹתֵר מֵהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ וּמִקַּבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה** - הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי צוּ גֵיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ און מְקַבֵּל זַיין דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה. אוֹיף דִי מִצְוָה דַארְף מֶען הָאבְן זֵייעֶר אַסאך סַבְלָנוּת, וַוייל אַ יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי זֶעלְבֶּע נַאטוּרְן וִוי זַיין חַבֵר, מֶען דַארְף הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין מַצָב, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט, בַּמִדְבָּר, רֶמֶז תשעו): **בְּבַקָּשָׁה מִמְּךָ אִם בִּקַּשְׁתָּ לִמְנוֹת עֲלֵיהֶן מַנְהִיג מְנֵה עֲלֵיהֶן אָדָם שֶׁהוּא סוֹבֵל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי דַעְתּוֹ** - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: גִיב פַאר דִי יוּדְן אַ פִירֶער וָואס וֶועט הָאבְן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, **שֶׁיְּהֵא הוֹלֵךְ עִם הַקַּפְּדָנִים כְּפִי דַעְתָּן וְעִם הַמְּתוּנִים**

**כְּפִי דַעְתָּן** - עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי מִיט נֶערְוֶועזֶע מֶענְטְשְׁן אוּן סַיי מִיט רוּהִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַ יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט אַ אַנְדֶערֶע טֶבַע.

דֶערְפַאר! אוֹיב ווילְסְטוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט, אָדֶער אַרַיין נֶעמֶען גֶעסְט אִין שְׁטוּב, דַארְפְסְטוּ הָאבְן מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת אוּן זֵיי אֵייבִּיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ זֵיי טוּעֶן דִיר צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִיר אוֹיף דִי טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן מִיט זַיי, רֶעדְן זֵיי זִיךְ אָפּ צוּ דִיר אוּן רֶעדְן אוֹיף דִיר, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת, ווִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען אָרִים זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעוַוייטָאגְט, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, וָאֵרָא, פַּרְשָׁה לא, פָּסוּק יב): **אֵין בָּעוֹלָם קָשָׁה מִן הָעֲנִיּוּת שֶׁהוּא קָשֶׁה מִכָּל יִסּוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם** - עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא שְׁוֶוערִיקֵייט, ווִי צוּ זַיין אָרִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (עֵירוּבִין מא, ע"ב): **עֲנִיּוּת מַעֲבִירִין אֶת הָאָדָם עַל דַעְתּוֹ וְעַל דַעַת קוֹנוֹ** - אָרִימְקֵייט מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען אוּן עֶס מַאכְט אִים פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בֵּיצָה לב, ע"ב): **כָּל הַמְצַפֶּה עַל שֻׁלְחָן אֲחֵרִים עוֹלָם חָשַׁךְ**

**בַּעֲדוֹ** - װער עס האט נישט קײן אײגענע עסן, און דארף אנקומען צו א צװײטן, איז אים פינצטער די װעלט, **אַף חַיָּיו אֵינָן חַיִּים** - זײן לעבן איז נישט קײן לעבן.

װעגן דעם! װעם דער אײבערשטער האט געשאנקען עשירות זאל זעהן צו טוהן חסד מיט ארימעלײט, און זײן א מכניס אורח, און זײ אױפנעמען בסבר פנים יפות. אױך זאלסטו װיסן אז די עיקר שלימות פון מצות צדקה איז נישט דו זאלסט װארטן אז די עניים זאלן קומען צו דיר, נאר דו זאלסט לױפן צו זײ, אזױ װי חז״ל זאגן (שבת קד, ע״א): **כֵּן דַּרְכּוֹ שֶׁל גּוֹמֵל חֲסָדִים לָרוּץ אַחַר דַּלִּים** - א מענטש װאס טוט חסד, װארט נישט אז די עניים זאלן קומען צו אים, נאר ער לױפט זײ נאך. נאך זאגן חז״ל (אבות דרבי נתן, א, פרק ז): **אָמַר לֵיהּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְאִיּוֹב: עֲדַיִין לֹא הִגַּעְתָּ לַחֲצִי שִׁיעוּר שֶׁל אַבְרָהָם** - דער אײבערשטער האט געזאגט פאר איוב: דו ביסט נאכנישט צוגעקומען צו האלב פון די מדריגות פון אברהם אבינו, **אַתָּה יוֹשֵׁב וְשׁוֹהֶה בְּתוֹךְ בֵּיתְךָ, וְאוֹרְחִין נִכְנָסִים אֶצְלְךָ** - דו זיצט אין שטוב און די געסט קומען ארײן צו דיר, **אֲבָל אַבְרָהָם לֹא עָשָׂה כֵּן,**

**אֶלָּא יוֹצֵא וּמְהַדֵּר בָּעוֹלָם וּכְשֶׁמָּצָא אוֹרְחִין, מַכְנִיסָן בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ** - אָבֶער אַבְרָהָם אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן אִין שְׁטוּב, נָאר עֶר אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן זוּכְן גֶעסְט.

אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְן פַאר דֶעם אָרִימַאן, זָאלְסְטוּ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אוּן זָאג אִים אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ אַן אָרִימַאן. וֶוער רֶעדְט חַס וְשָׁלוֹם אַז דוּ זָאלְסְט אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, כָּל שֶׁכֵּן אוֹיב דוּ בִּיסְט אַן עוֹשֶׁר, דַארְפְסְטוּ אוֹיפְנֶעמֶען דִי אָרִימֶעלַייט אוּן זֵיי גֶעבְן ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט, זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, צַו, לד, ט): **הֶעָנִי הַזֶּה עוֹמֵד עַל פִּתְחֲךָ וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד עַל יְמִינוֹ דִכְתִיב** (תְּהִלִּים קט): **כִּי יַעֲמוֹד לִימִין אֶבְיוֹן** - וֶוען דֶער אָרִימַאן קוּמְט צוּ דַיין שְׁטוּב אוּן עֶר קְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְן אִים, **אִם נָתַתָּ לוֹ דַּע מִי שֶׁעוֹמֵד עַל יְמִינוֹ וְנוֹתֵן לְךָ שְׂכָרְךָ וְאִם לֹא נָתַתָּ לוֹ דַּע מִי שֶׁעוֹמֵד עַל יְמִינוֹ פּוֹרֵעַ מִמְּךָ** - אוֹיב גִיבְּסְטוּ אִים גֶעלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק גֶעבְן, אָבֶער אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין זוהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיֵּרָא, דַף קד, ע"א): **בְּשַׁעְתָּא דְקֻבָּ"ה רָחִים לֵיהּ לְבַר נָשׁ** - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ, **מְשַׁדֵּר לֵיהּ דוֹרוֹנָא** - שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה, אַז עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, **וּמַאן אִיהוּ? מִסְכְּנָא** - וָואס אִיז דִי מַתָּנָה? אַן אָרִימַאן, **בְּגִין דְיִזְכֵּי בֵּיהּ** - אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ זְכוּת דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה.

וֶועגְן דֶעם וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִיר אַן אָרִימַאן זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ טַאנְצְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ אוּן עֶר הָאט דִיר גֶעשִׁיקְט אַן אָרִימַאן פַּאר אַ מַתָּנָה, זֵיי אִים מְכַבֵּד אוּן זֵיי אִים מְקָרֵב אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גֶעדְרִיקְט אוּן נֶערְוֶועז, דָאךְ זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, מִשְׁפָּטִים, פֶּרֶק טו): **אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא:** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּם מֶענְטְשׁ וָואס גִיבְּט צְדָקָה: **נַפְשׁוֹ שֶׁל עָנִי הָיְתָה מְפַרְכֶּסֶת לָצֵאת מִן הָרָעָב, וְנָתַתָּ לוֹ פַּרְנָסָה, וְהֶחֱיֵיתָ אוֹתוֹ** - דֶער אָרִימַאן אִיז שִׁיעוּר נִישְׁט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַּאר הוּנְגֶער אוּן דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, דוּ הָאסְט אִים מְחַיֶה גֶעוֶוען אוּן צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דָאס לֶעבְּן, **חַיֶּיךָ! שֶׁאֲנִי מַחְזִיר לְךָ נֶפֶשׁ תַּחַת נֶפֶשׁ** - אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ

וֶועל דִיר צוּרִיק גֶעבְּן אֵיינֶעמְס לֶעבְּן, **לְמָחָר בִּנְךָ אוֹ בִתְּךָ בָּאִין לִידֵי חוֹלִי וְלִידֵי מִיתָה** - מָארְגְן וֶוערְט דַיין זוּהְן אָדֶער דַיין טָאכְטֶער קְרַאנְק, **וְאֶזְכּוֹר אֲנִי לָהֶם אֶת הַמִּצְוָה שֶׁעָשִׂיתָ עִם הֶעָנִי, וּמַצִּיל אֲנִי אוֹתָם מִן הַמִּיתָה** - וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקְן דִי מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן מִיט דֶעם אָרִימַאן, דוּ הָאסְט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם לֶעבְּן, וֶועל אִיךְ אוֹיסְהֵיילְן דַיין קִינְד אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם לֶעבְּן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, נָשֹׂא, י, ה) **מִיכָהוּ לְפִי שֶׁהָיָה מְקַבֵּל אוֹרְחִים נִכְתָּב שְׁמוֹ כְּשֵׁם הַצַּדִּיקִים** - אַפִּילוּ מִיכָהוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק, דָאךְ וֶוערְט עֶר גֶערֶעכְנְט וִוי דִי צַדִיקִים וַוייל עֶר הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען גֶעסְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי, פֵּאָה, פֶּרֶק א): **רוֹדֵף צְדָקָה וָחֶסֶד יִמְצָאוּ חַיִּים צְדָקָה וְכָבוֹד, כָּבוֹד בָּעוֹלָם הַזֶּה וְחַיִּים לָעוֹלָם הַבָּא** - וֶוער עֶס טוּט חֶסֶד אוּן גִיבְּט צְדָקָה, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ כָּבוֹד אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן צוּ אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶועגְן דֶעם, אוֹיבּ וִוילְסְטוּ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, זָאלְסְטוּ דֶערְפְרֵייעֶן אָרִימֶעלַייט אוּן מִיט פִילְן זֵייעֶר צַעַר, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיר זַיין גוּט בָּזֶה וּבְבָא, אָמֵן.

***

# פֶּרֶק ח

## ״סַבְלָנוּת פַאר דִי וָואס זֶענֶען מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״

מְקָרֵב צוּ זַיין זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת וִוי הִלֵל הַזָקֵן, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ צוּ דִי גוֹיִם וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען מְגַיֵיר זַיין. עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם לוֹיט זַיינֶע מְשׁוּגַעַתְ׳ן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (שַׁבָּת לא, ע״א): אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גוֹי צוּ שַׁמַאי הַזָקֵן אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״רֶבִּי, לֶערְן מִיךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וִוילַאנְג אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אֵיין פִיס״, הָאט אִים שַׁמַאי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵל הַזָקֵן, הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן אוּן גֶעהַאט גֶעדוּלְד צוּ אִים.

אוֹיב שְׁפִּירְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין סַבְלָנוּת צוּ מֶענְטְשְׁן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, וַוייל עֶס

קֶען זַיין אַז דורךְ דיר וֶועלְן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְט וֶוערְן און צוּרִיק פַּאלְן. מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן עֶקְסְטֶערֶע כּוֹחוֹת פוּן סַבְלָנוּת, וַוייל יֶעדֶער הָאט זַיינֶע מְשׁוּגַעתְ׳ן, און מֶען דַארְף קֶענֶען אַלֶעס סוֹבֵל זַיין.

וִויסְן זָאלְסְטוּ! צוּ קֶענֶען מְקַרֵב זַיין רְחוֹקִים, דַארְף מֶען קוּקְן אויף יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ גוּט אוֹיג און דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, מֶען דַארְף וִויסְן אַז אֲפִילוּ דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מִיט אִים און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, וַוייל ״**אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל** - עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי מֶען אִיז דֶערְנָאךְ״, אֲפִילוּ פוּן דִי שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער קֶען מֶען אוֹיךְ צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא פו, ע״א): **גְדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵא הַכָּבוֹד** - תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה דֶערְגְרַייכְט עֶר בִּיזְן כִּסֵא הַכָּבוֹד. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ״ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת בֹּא): **אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, **אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל, הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי**

**שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִיכָּנֵס, יִכָּנֵס** - יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ! וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל נָאר תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן תְּשׁוּבָה, כָּל שֶׁכֵּן אַז עֶר טוּהט תְּשׁוּבָה, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, עֶר זָאגְט אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהן, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, אִיךְ וִויל מִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן וָואס זָאל אִיךְ טוּהן דִי יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר!"**, קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקּוֹתַי, פֶּרֶק ח): **מִיַּד שֶׁהֵם מַכְנִיעִים לִבָּם לִתְשׁוּבָה, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ צוּרִיק, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת בָּלָק, כ, טו): **כָּל מִי שֶׁחָטָא וְאוֹמֵר: חָטָאתִי! אֵין רְשׁוּת לְמַלְאָךְ לִגַּע בּוֹ** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט!" קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאַךְ אִים גָארְנִישְׁט טוּהן.

וועגן דֶעם! דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶוען מֶען אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט מְרַחֵק זַיין, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אַ יֶעדְן יוּד, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים, יח): **כָּל הָעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה מֵעֲבֵרָה שֶׁבְּיָדוֹ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹסִיף לוֹ כָּבוֹד וְקוֹרֵא לוֹ שֵׁם חָבִיב** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה גִיבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כָּבוֹד אוּן עֶר רוּפְט אִים אָן: "מֵיין בַּאלִיבְּטֶער מֶענְטְשׁ!", **בֹּא וּרְאֵה בִּבְנֵי קֹרַח, שֶׁעַד שֶׁלֹּא עָשׂוּ תְּשׁוּבָה, לֹא נִקְרְאוּ חֲבִיבִים, וּמִשֶּׁעָשׂוּ תְּשׁוּבָה נִקְרְאוּ חֲבִיבִים, וְנִקְרְאוּ יְדִידִים** - אַזוֹי וְוִי מִיר זֶעהן בַּיי דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן וֶוערְן זֵיי אָנְגֶערוּפְן דִי בַּאלִיבְּטֶע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן וֶוען דוּ בִּיסְט עוֹסֵק מִיט אֵיינֶעם אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ פַארְבְּרֶענְגְסְט אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט אִים טֶעג אוּן נֶעכְט, דַארְפְסְטוּ זַיין גֶערָאכְטְן אַז דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטוֹיס פוּן יֶענֶעם, אוּן עֶר וֶועט דִיר צוּרִיק צָאלְן שְׁלֶעכְטְס פַאר גוּטְס, וְוִיבַּאלְד דוּ הָאסְט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, דוּ הָאסְט

אַרײַנגֶעשַׁײנְט אִין אִים אַז דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, צוּם סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵײבְּט זִיךְ אָן אַבִּיסְל מְטַהֵר צוּ זַײן, טְרַאכְט עֶר בַּײ זִיךְ: "וָואס דַארְף אִיךְ דִיר הָאבְּן? אִיךְ וֵוײס שׁוֹין אַלֵײן דִי עֵצוֹת!", אוּן עֶר הֵײבְּט דִיר אָן צוּ פַּארְשֶׁעמֶען, עֶר אִיז דִיר מְצַעַר אוּן עֶר מַאכְט דִיר חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַזוֹי מוּז זַײן, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת צַו): **אָמַר לֵיהּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: יְשַׁעְיָה! בָּנַי טַרְחָנִין סַרְבָנִין הֵם, אִם אַתָּה מְקַבֵּל עָלֶיךָ לְהִתְבַּזּוֹת וְלִלְקוֹת מִבָּנַי, אַתָּה הוֹלֵךְ בִּשְׁלִיחוּתִי, וְאִם לָאו, אֵין אַתָּה הוֹלֵךְ בִּשְׁלִיחוּתִי** - וֶוען דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאפוֹילְן יְשַׁעְיָה אַלְץ אַ נָבִיא פַאר דִי יוּדְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי יוּדְן זֶענֶען ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגֶערְס, אוֹיבּ בִּיזְטוּ גְרֵײט אַז זֵײ זָאלְן דִיר פַּארְשֶׁעמֶען אוּן שְׁלָאגְן, קֶענְסְטוּ זַײן זֵײעֶר נָבִיא, אָבֶּער אוֹיבּ נִישְׁט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַײן זֵײעֶר נָבִיא". זֶעהט מֶען אַז אֲפִילוּ אַ נָבִיא אֱמֶת דַארְף לַײדְן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וֶוען עֶר דַארְף אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דִי יוּדְן צוּם אֵײבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר! אוֹיבּ בְּרֶענְגְסְטוּ צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְטוּ וְויסְן אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּערְגֵיין זֵייעֶר אַסאַךְ יִסוּרִים און בִּזְיוֹנוֹת, מֶען וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, מֶען וֶועט דִיר פַארְשֶׁעמֶען און טְשֶׁעפֶּענֶען, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט אַסאַךְ סַבְלָנוּת, דוּ זָאלְסְט אַלֶעס קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן, אוֹיבּ קֶענְסְטוּ דָאס טוּהן, הָאסְטוּ דִי רֶעכְט צוּ טוּהן אִין דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין סַבְלָנוּת, סַיי פוּן דִי וָואס קְרִיגְן אוֹיף דִיר און סַיי פוּן דֶער מֶענְטְשְׁן וָואס דוּ בִּיסְט מְקָרֵב, זָאלְסְטוּ בֶּעסֶער נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ טוּהן אִין דֶעם עִנְיָן.

וֶוען דוּ ווילְסְט מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֱמֶת, דַארְפְסְטוּ טְרַאכְטְן: ״מַיין גַאנְצֶע צִיל אִיז נָאר מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט זֵיי זָאלְן זַיין מְקוֹרָב צוּ מִיר״, אוֹיבּ וֶועט דָאס זַיין דַיין כַּוָונָה, וֶועט דִיר קֵיינֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּהן און עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם עַיִן הָרַע אוֹיף דִיר, וַוייל דוּ בַּאשִׁיצְט זִיךְ אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דוּ וֶועסְט הָאבְּן הַצְלָחָה, אָבֶּער אַז דוּ הֵייבְּסְט נָאר אָן אַבִּיסְל צוּ טְרַאכְטְן: ״אִיךְ ווִיל הָאבְּן מְקוֹרָבִים אִיךְ זָאל מִיךְ

קֶענֶען בַּארוּמֶען אַז אִיךְ הָאבּ מֶענְטְשְׁן״, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ הָאבְּן מַחֲלוֹקֶת, וַוייל עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַ תַּאֲוָה צוּ הָאבְּן כָּבוֹד, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אוֹיף דִיר קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

אִין אֱמֶת׳ן דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט ווילְן חוּץ דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אַנְדֶערֶע, זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט נָאר אַ צִנוֹר וָואס אִיז מַמְשִׁיךְ אוּן מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דוּ בִּיסְט בִּכְלַל נִישְׁט עֶפֶּעס אוֹיף דִי וֶועלְט. דַיין עִיקָר כַּוָונָה זָאל זַיין מְגַלֶה צוּ זַיין דֶעם אֱמֶת׳ן צַדִיק אוּן נִישְׁט זִיךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין מִיט דִי מַחֲשָׁבָה וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִדְבָּר, יא, כט): **וּמִי יִתֵּן כָּל עַם ה׳ נְבִיאִים, כִּי יִתֵּן אֶת רוּחוֹ עֲלֵיהֶם** - משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין מַחֲשָׁבָה: ״וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען אַז אַ יֶעדֶער יוּד זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁפִּיר?! אוּן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען אַ יֶעדְן יוּד צוּ מֵיין מַדְרֵיגָה, צוּ וֶוערְן אַ נָבִיא?!״.

אויב דַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה אִיז נָאר צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶעם צַדִיק, נוּ! וָואס גֵייט דִיר אָן אַז נָאךְ אֵיינֶער טוּט דָאס? אַדְרַבָּה! עֶר וֶועט דָאךְ דִיר הֶעלְפְן. אויב וֶועסְטוּ דָאס אֵיינְקְרִיצְן אִין דִיר אוּן כְּסֵדֶר אַזוֹי טְרַאכְטְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּ טוּהן אוּן דוּ וֶועסְט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין, נָאר דוּ וֶועסְט זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט זֶעהן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט שְׁפִּירְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אֶמֶתְ׳ן אַרַיין אִיז דִי גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַ טִיפֶע לִימוּד. וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אִיז אִיבֶּער צוּדְרֵייעֶן אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס הֵייסְט: קוֹדֶם אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַרוּם גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיט מִיאוּסֶ׳ע מַחֲשָׁבוֹת, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין שְׁמוּץ, גֶעטְרַאכְט נָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן גֶעטוּהן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן רַחֲ״ל, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן אוּן הֵייבְּט אָן צוּ פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, דְרֵייט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיס זַיין גַאנְצֶע קָאפּ, אַז עֶר זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹר, אַזוֹי וִוי עֶס

אִיז בַּאוואוּסְט פַאר דִי וָואס הָאבְּן בְּאֱמֶת טוֹעֵם גֶעוֶועז אוּן גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי "מֵי הַנַחַל" אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן צוּ לֶערְנֶען דִי דֶרֶךְ הַלִימוּד, אֲפִילוּ פַארְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוֶועזְן שְׁמוּצִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען דוּ זֶעהְסְט בַּיי דַיין חַבֵר אָדֶער דַיין תַּלְמִיד נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ זַיין רוּהִיג אוּן נִישְׁט דַן זַיין לְכַף חוֹבָה, אִים דֶערְוַוייטֶערְן אָדֶער פַּיינְט הָאבְּן, נָאר זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר צוּגֶעלָאזְן צוּ אִים אוּן זוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, אַז עֶר זָאל נִישְׁט עֶרְגֶער וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶס קֶען גֶעשֶׁעהְן נָאכְדֶעם מִיט אִים.

דוּ דַארְפְסְט זַיין זֵייעֶר רוּהִיג אוּן ווִיסְן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּהן, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַסַאךְ תַּלְמִידִים, וָואס דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פוּנֶעם תַּנָא (אָבוֹת, פֶּרֶק א): **הֱווּ מְתוּנִים בַּדִין, וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה** - וֶוען דוּ פַּסְקְ'נְסְט אַ מֶענְטְשׁ

זָאלְסְטוּ זַיין רוּהִיג, אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַסַאךְ תַּלְמִידִים. וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען גֵייט רוּהִיגֶערְהֵייט אוּן מֶען אִיז נִישְׁט דַן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ לְכַף חוֹבָה, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַסַאךְ תַּלְמִידִים, וַוייל בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים גֵייט אַרִיבֶּער יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶעבֶּעךְ נִכְשָׁל אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲ"ל אוּן זֵיי וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אוּן דוּרְךְ אַבִּיסֶעלֶע סַבְלָנוּת קֶען מֶען יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מְקַרֵב צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, א. רֶעדְן מִיט זֵיי אוּן פְּרָאבִּירְן אַז זֵיי זָאלְן וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּהן, ב. אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוּן שְׁטוּב אוּן זֵיי מְקַרֵב זַיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, דָאס הֵייסְט גֶעבְּן עֶסְן פַאר זֵיי אוּן אַ פְּלַאץ צוּ שְׁלָאפְן, נָאכְדֶעם רֶעדְט מֶען מִיט זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּהן. דָאס אִיז דִי מַחֲלוֹקֶת צְוִוישְׁן רֶבִּי חִיָּיא אוּן רֶבִּי חֲנִינָא (בָּבָא מְצִיעָא פה, ע"ב):

**אָמַר לֵיהּ רַבִּי חֲנִינָא לְרַבִּי חִיָּא: בַּהֲדֵי דִּידִי קָא מִינְצִית, חַס וְחָלִילָה, אִי מִשְׁתַּכְּחָא תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל**

**מְהַדַרְנָא לָהּ מִפִּלְפּוּלַי** - רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי חִיָיא: "אוֹיבּ עֶס וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, וֶועל אִיךְ עֶס צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דוּרְךְ מַיינֶע פִּלְפּוּלִים". **אָמַר לֵיהּ רַבִּי חִיָּא לְרַבִּי חֲנִינָא: בַּהֲדֵי דִידִי קָא מִינְצִית, דְעַבְדֵי לְתוֹרָה דְּלָא תִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל, מַאי עַבְדִינָא, אַזְלִינָא וְשַׁדִינָא כִּיתְנָא וְכוּ'** - הָאט רֶבִּי חִיָיא גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי חֲנִינָא: "אִיךְ וֶועל אַנְדֶערְשׁ טוּהן, אִיךְ וֶועל אַיינְפְלַאנְצְן פְלַאקְס אוּן מַאכְן פוּן דֶעם נֶעצְן אוּן פַאנְגֶען הֶערְשְׁן, אוּן גֶעבְּן צוּ עֶסְן דִי פְלֵיישׁ פַאר יְתוֹמִים, אוּן פוּן דִי הוֹיט וֶועל אִיךְ מַאכְן פַּארְמֶעט אוּן שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם דִי תּוֹרָה". דָאס אִיז זִיכֶער אַז סַיי רֶבִּי חֲנִינָא אוּן סַיי רֶבִּי חִיָיא הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, פוּן פַארְמֶערְן תַּלְמִידִים, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַנְדֶערֶע וֶועגְן אִין דֶעם.

עֶס אִיז זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיךְ פַארְוָואס הָאט רֶבִּי חִיָיא גֶעדַארְפְט מַאכְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, וִוי אַיינְפְלַאנְצְן פְלַאקְס? מַאכְן נֶעצְן? פַאנְגֶען הֶערְשְׁן? גֶעבְּן צוּ עֶסְן דִי פְלֵיישׁ פַאר יְתוֹמִים? זָאל עֶר גְלַייךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער גְלַייךְ נֶעמֶען הוֹיט אוּן שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם אַ סֵפֶר תּוֹרָה! נָאר וָואס דֶען, עֶר קוּמְט אוּנְז דָא לֶערְנֶען

דִי טִיפֶע לִימוּד וְוי אַזוֹי מֶען אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אוּן גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט זֵיי, א.ד.ג. נָאכְדֶעם קֶען עֶר מִיט אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג פוּן רֶבִּי חִיָיא, אוֹיף דֶעם זָאגְט דָארְט דִי גְמָרָא **הַיְנוּ דְּאָמַר רֶבִּי: כַּמָּה גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי חִיָּא!** - הָאט רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי גְרוֹיס אִיז דִי וֶועג פוּן רֶבִּי חִיָיא!".

וַוייל אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶענְסְטוּ נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אַמָאל שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים אוּן עֶסְן מִיט אִים, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן מִיט אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְמָשָׁל וֶוען עֶר פַּארְצֵיילְט דִיר זַיינֶע צָרוֹת, זָאלְסְטוּ אִים בַּארוּהִיגְן אוּן אִים זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן!" וֶוען עֶר פַּארְצֵיילְט דִיר אַ זַאךְ וָואס גֵייט אִים גוּט זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "זֶעהסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְלָאזְט דִיךְ

נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ!" א.ד.ג. בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּבְּרֶעגְגֶען אִין אִים אִינְגַאנְצֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים בַּיי אִים אוּן גֶעבְּן אִים.

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט הַיינְט וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין אָט אָט פַאר דִי גְאוּלָה, מוּז מֶען זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט דֶעם, צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף אַרַיין נֶעמֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ דִי אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן צוּקְלַאפְּטֶע נְשָׁמוֹת, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד אוּן מֶען פַארְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל מִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אִיךְ וִויל פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע יוּד!"**, אוּן זֵיי גֶעבְּן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם גְרוֹיסְן אֱמֶתְ'ן צַדִיק.

וֶוער עֶס קוּקְט נָאר אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲזַ"ל, זֶעהט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ אוֹרְחִים, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז

מַקְרִיב דִי קָרְבָּן תָּמִיד, (בְּרָכוֹת י, ע״א), און עֶס אִיז גְרֶעסֶער פון קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, (שַׁבָּת קכז, ע״א). דִי פָּשׁוּטֶ׳ע כַּוָונָה פון דֶעם אִיז מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן און צוּ טְרִינְקְן, און אַ פְּלַאץ צוּ שְׁלָאפְּן וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מִצְוָה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר גֶעדֶענְקְט פוּן דִי סֵפֶר הַנִּשְׂרָף, (וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פוּנֶעם רֶבִּי׳ן) דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים און בִּפְרַט אִיבֶּערְצִיעֶן דִי בֶּעט פַאר זֵיי.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ פְּשַׁט אִין הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וֶוען עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִיר נָאךְ דֶערְצוּ בָּחוּרִים, זֵיי ווִילְן הֶערְן פוּן דִיר הִתְחַזְקוּת און עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, זָאלְסְטוּ זֵיי מְקַרֵב זַיין דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶס אִיז שַׁיָיךְ, אֲפִילוּ דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט יֶעצְט צוּבְּרָאכְן און צוּמִישְׁט, עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיב זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעקוּמֶען און זֵיי ווִילְן הֶערְן פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן און מְרַחֵק זַיין און זֵיי זָאגְן: ״אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶועלְן מִיר שׁוֹין רֶעדְן״, אָדֶער: ״קוּם מָארְגְן, קוּם אַן אַנְדֶערֶע צַייט״, נָאר זָאלְסְט מְקַיֵים זַיין וָואס

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת, פֶּרֶק א): **יְהִי בֵיתְךָ פָּתוּחַ לִרְוָחָה, וִיהִי בֵיתְךָ בַּיִת וַעַד לַחֲכָמִים** - דַיין הוֹיז זָאל זַיין אָפְן פַאר גֶעסְט, דַיין הוֹיז זָאל זַיין אַ פְּלַאץ אַז עֶרְלִיכֶע יוּדְן זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען.

אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוַת הַכְנָסַת אוֹרְחִים שְׁטֵייט הֶעכֶער אַלֶעס, וַוייל דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִיר אַהֵיים רֶעדְן מִיט דִיר, אִיז זִיכֶער צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, עֶר שְׁפִּירְט אַז דוּ קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן אוּן אוֹיפְלֶעבְּן אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם רֶבִּי'ן. וֶועגְן דֶעם, זֶעה לֵייג אַלֶעס אַוֶועק, רֶעד מִיט אִים וִויפִיל עֶס פֶעלְט אִים אוֹיס, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן פוּן דָאס נַיי, (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צט).

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַתְמִיד, טָאג אוּן נַאכְט הָאט עֶר נָאר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוְונְט, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פַאר הִתְחַזְקוּת, הָאט עֶר פַארְמַאכְט דִי סֵפֶר אוּן אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט יֶענֶעם. דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן: "עֶס אִיז מִיר בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַפָּאר בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אַפָּאר

בְּלַאט שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִין דִי צַייט, וְוי אֵיידֶער צוּ שְׁמוּעֶסְן", וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן שׁוֹין (אָבוֹת, פֶּרֶק א): **לֹא הַמֶּדְרָשׁ עִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה** - דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דִי לֶערְנֶען, נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת, וְוי אִיז נָאךְ דָא אַזַא מִצְוָה וְוי צוּ מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן יוּד. נָאךְ זָאגְן זֵיי (סַנְהֶדְרִין לז, ע"א): **כָּל הַמְקַיֵם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִשְׂרָאֵל, כְּאִלוּ קִיֵם עוֹלָם מָלֵא** - וֶוער עֶס רַאטֶעוֶועט אֵיין יוּד, אִיז אַזוֹי וְוי עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מִיט דֶעם וָואס דוּ רֶעדְטְס מִיט דַיין חַבֵר, דוּ שְׁטַארְקְסְט אִים אוּן דוּ בִּיסְט אִים מְחַזֵק, מִיט דֶעם רַאטֶעוֶועסְטוּ נָאךְ אַ יוּד, אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אִים מְחַזֵק אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן בִּפְרַט אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה, דַף קכח, ע"ב): **תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָיבָא וְכוּ'** - וֶוער עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אִים אַז עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיז זוֹכֶה צוּ מוֹרָא'דִיגֶע זַאכְן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע

וֶועלְט. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין יט, ע"ב): **כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ יְלָדוֹ** - וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אֵיינֶעם, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אִים גֶעבּוֹירְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, נָאר יֶענֶע מִינוּט וָואס דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים צִיהט עֶר זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ גֶערֶעכְט, אוּן עֶר שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיז אוֹיךְ וֶוערְד גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע פְּלָאג, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר בְּאֱמֶת וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער יוּד אוּן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן: "דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר", אוּן זִיךְ פַּטְרְ'ן פוּן דֶעם אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר דֶעם", וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ז): אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְחִיוּב אִיבֶּערְצוּלָאזְן תַּלְמִידִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין פִיל מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, נָאר אַ חַיָה, נָאר אַזַא אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ.

בִּפְרַט אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, זָאלְסְטוּ אִים מְחַזֵק זַיין אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן. עֶס אִיז דָא אַ קַבָּלָה בַּיי זִקְנֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ס): אַז מֶען מֶעג נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ תַּלְמִיד הָגוּן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אַ תַּלְמִיד שֶׁאֵינוֹ הָגוּן, וֶוער אִיז אַ תַּלְמִיד הָגוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אִים? אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין צוּ דִיר, מִיט אִים דַארְפְּסְטוּ עוֹסֵק זַיין, אַזוֹי וְוי דִי זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תְּצַוֶה, דַף קפו, ע"ב): **זַכָּאָה מַאן דְמָלִיל עַל אוּדְנֵיה דְשַׁמְעִין** - ווארויל אִיז פַאר דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן. וַוייל אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, וְויל עֶר דִיר אוֹיסְהֶערְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אִים. וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לא, ע"ב): **דְעָלָךְ סָנֵי, לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבִיד** - וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּהן פַאר דַיין חַבֵר. זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקְן וָואס אוֹיף דִיר אִיז דוּרְךְ אִין

דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן דִיר גֶעבְּן עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, זֶענֶען דִיר גֶעוֶוען דִי וֶוערְטֶער וִוי לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, וָואס אָן דֶעם וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער אָנְגֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוּהן וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר.

רֶבִּי יוּדְל, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג בַּיי אַ בְּרִית, וִויבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב שַׁבָּת, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל גְלַייךְ בֶּענְטְשְׁן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר פַארְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל בֶּענְטְשְׁן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה, אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין נָאךְ אֵיינֶעם אַבִּיסְל אֱמֶת'ע דִיבּוּרִים, זֵיי מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף צְדָקָה, זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אוֹיף הַתְמָדָה, דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט גֶעטוּהן!", פוּן דֶעם זֶעהט מֶען וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן.

בִּפְרַט, דִי וָואס קוּמֶען צוּ דִיר פוּן זִיךְ אַלֵיין, זָאלְסְטוּ זֶעהן זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקָרֵב זַיין, וַוייל עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים, וָואס עֶס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער וָואס אִיז אַרִיבֶּער בַּעֲוֹונוֹתֵינוּ הָרַבִּים, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בֶּעטְן הִתְחַזְקוּת, הָאט מֶען זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט מִיט אַלֶע תֵּירוּצִים, אוּן צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲ"ל. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אֵיינֶעם וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲ"ל. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ וִויסְן, אַז דִי אַחֲרָיוּת לִיגְט אוֹיף דִיר, פוּנְקְט וִוי בְּגַשְׁמִיוּת טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן אֵיינֶעם וֶוען עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ מֶער בְּרוּחָנִיוּת, וֶוען עֶר דַארְף הִתְחַזְקוּת מוּז מֶען אִים דָאס גֶעבְּן.

אוֹיב בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, דָאס הֵייסְט דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים צוּ רֶעדְן, אוּן עֶס קוּמְט צוּ דִיר אַ מֶענְטְשׁ בִּפְרַט אַ בָּחוּר אוּן עֶר בֶּעט הִתְחַזְקוּת, זָאלְסְטוּ זֶעהן אִים צוּ שִׁיקְן צוּ אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קֶען יָא רֶעדְן אוּן הָאט שְׁטֶענְדִיג הִתְחַזְקוּת, נֶעם דָאס נִישְׁט אָן פַאר גְרִינְג וַוייל דָאס

אִיז אוֹיף דַיין אַחְרָיוּת און אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן דֶעמָאלְטְס צוּ בְּרֶעךְ דַיין גַאֲוָה און שִׁיק אִים צוּ אֵיינֶער וָואס קֶען יָא רֶעדְן.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי גַן עֵדֶן אָדֶער גֵיהִנוֹם, דָאס הֵייסְט דוּ ווֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה און וָואס אִיז אַ קְלֵיינֶע עֲבֵירָה, צוּ פַּסְקְ'נֶען אַז אוֹיף אַזַא עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען רַחֲ"ל אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין תַּקָּנָה און אַז אוֹיף אַזַא עֲבֵירָה אִיז נָאךְ יָא דָא אַ תַּקָּנָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט "**אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל** - עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי מֶען אִיז דֶערְנָאךְ". אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן רטו): **וּמֹשֶׁה עוֹמֵד בֵּין שְׁמַד לְרָצוֹן** - אַז דֶער אֱמֶתְ'ער צַדִיק הָאט דֶער כֹּחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמַד רַחֲ"ל, צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ווִילְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס אִיז דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה וָואס הֵייסְט רַעֲוָא דְרַעֲוִין. כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ יוּד אֲפִילוּ דִי עֶרְגְסְטֶע יוּד הַאלְט נִישְׁט בַּיי שְׁמַד, אַדְרַבָּה מֶען קֶען זֶעהן וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְזֵירַת שְׁמַד, הָאבְּן זֵיי זִיךְ

מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיף קִידוּשׁ ה׳. וֶועגְן דֶעם, וָואס פַּאר אַ יְרִידָה עֶס אִיז נָאר נִישְׁט דָא, קֶען דֶער אֶמֶתְ׳ער צַדִיק אִים אוֹיפְהֶייבְּן אוּן מְתַקֵן זַיין.

אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ וויסְן וֶוען דַיין חַבֵר קוּמְט רֶעדְן מִיט דִיר, זָאלְסְטוּ בְּעִיקָר זֶעהן צוּ רֶעדְן מִיט אִים הִתְחַזְקוּת, וַוייל נָאר צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר צוּ דִיר גֶעקוּמֶען, סְתַּם שְׁטוּתִים, דְבָרִים בְּטֵלִים, נַייעֶס א.א.וו. הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, אַדְרַבָּה עֶס קֶען נָאךְ עֶרְגֶער מַאכְן. עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט הַיינְט וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן (אֵיכָה, ד): **תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קוֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת** - עֶס וַואלְגֶערְן זִיךְ הֵיילִיגֶע שְׁטֵיינֶער אוֹיף אַלֶע גַאסְן, וָואס דָאס זֶענֶען דִי בָּחוּרִים, וָואס ווילְן אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, נָאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אוּן מִיר זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם רֶבִּי׳ן צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן א): **מִי שֶׁאֵין מַכְנִיס אוֹרְחִים, בְּזֶה מַחֲזִיק יְדֵי מְרֵעִים שֶׁלֹּא יַחְזְרוּ בִּתְשׁוּבָה.** עֶס קֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף הַכְנָסַת אוֹרְחִים

בְּרוּחֲנִיוּת, אַז מֶען זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין, אוֹיב דוּ וְוילְסְט נִישְׁט אוּן דוּ שְׁטוּפְּסְט זֵיי אַוֶועק, מִיט דֶעם מַאכְסְטוּ אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן חַס וְשָׁלוֹם.

***

מוֹהֲרָא"ש נ"י זָאגְט: אָן סַבְלָנוּת אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דוּרְךְ צוּ טְרָאגְן דִי יִסוּרִים וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אָבֶּער מִיט סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְטְרָאגְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, וַוייל מֶען דַארְף קוֹדֶם הָאבְּן אַנְדֶערֶע טֵייעֶרֶע מִידוֹת צוּפְרִידֶענְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקַייט.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק א, סִימָן תרסח)

# פֶּרֶק ט

## ״סַבְלָנוּת פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן לֶערְנֶען תּוֹרָה״

אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן טְרַאכְט: ״לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר!״, אִיז וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד, עֶר ווִיל קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אֵיין מִינוּט אוּן אוֹיף אֵיין פוּס, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר זֶעהט אַז דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן זֵייעֶר לַאנְג, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב, יא, ט): **אֲרֻכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּהּ** - דִי תּוֹרָה אִיז לֶענְגֶער פוּן דִי עֶרְד, **וּרְחָבָה מִנִּי יָם** - אוּן בְּרֵייטֶער פוּנֶעם יַם. וַוייל דִי תּוֹרָה הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ חֲלָקִים, ווִי לְמָשָׁל הֲלָכָה, אַגָּדָה, בְּרַיתוֹת, תּוֹסֶפְתּוֹת, א.א.וו. טְרַאכְט עֶר: ״וֶועןְ ווֶעל אִיךְ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם אַלֶעם?״, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד לָאזְט עֶר אִינְגַאנְצְן אָפּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אָבֶּער אַזוֹי טְרַאכְט אַ מֶענְטְש וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, פֶּרֶק יט, סִימָן ב): **טִפֵּשׁ אוֹמֵר: מִי יָכוֹל לִלְמוֹד אֶת הַתּוֹרָה?** - אַ שׁוֹטֶה זָאגְט: וֶוער קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה? **נְזִיקִין שְׁלֹשִׁים פְּרָקִים, כֵּלִים שְׁלֹשִׁים פְּרָקִים** - סֵדֶר נְזִיקִין (בְּבָא קַמָּא, בְּבָא מְצִיעָא, אוּן בְּבָא בַּתְרָא) אִיז דְרַייסִיג פְּרָקִים אוּן סֵדֶר כֵּלִים אִיז דְרַייסִיג פְּרָקִים, אִיךְ וֶועל עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, **פִּיקֵחַ אוֹמֵר: הֲרֵינוּ שׁוֹנֶה שְׁנֵי הֲלָכוֹת הַיּוֹם, שְׁנֵי הֲלָכוֹת לְמָחָר, עַד שֶׁאֲנִי שׁוֹנֶה אֶת כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ** - אָבֶּער אַ קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ זָאגְט: אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען הַיינְט צְוֵויי הֲלָכוֹת, אוּן מָארְגְן צְוֵויי הֲלָכוֹת, בִּיז אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה.

רֶבִּי יוֹחָנָן גִיבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל: מֶענְטְשְׁן זֶעהן אַ בְּרוֹיט הֶענְגְט הוֹיעֶךְ אִין דִי לוּפְט, **טִפֵּשׁ אוֹמֵר: מִי יָכוֹל לְהוֹרִיד אֶת זֶה?!** - אַ שׁוֹטֶה זָאגְט: אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען! עֶר גִיבְּט גְלַייךְ אוֹיף, **פִּיקֵחַ אוֹמֵר: וְלֹא אֶחָד תְּלָאוֹ?!** - אָבֶּער אַ קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ זָאגְט: אַז מֶען הָאט עֶס גֶעקֶענְט אוֹיף הֶענְגֶען, קֶען מֶען עֶס אַרָאפְּנֶעמֶען! אוּן עֶר טְרַאכְט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם,

**כָּךְ טִפֵּשׁ אוֹמֵר: מִי יָכוֹל לִלְמוֹד תּוֹרָה?!** - אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער שׁוֹטֶה קוּקְט אָן דִי תּוֹרָה וִוי אַ זַאךְ וָואס הֶענְגְט אִין דִי לוּפְט אוּן מֶען קֶען צוּ דֶעם נִישְׁט צוּקוּמֶען, **פִּיקֵחַ אוֹמֵר: וְהוּא לֹא מֵאַחֵר לְמָדָן?!** - אָבֶער אַ קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ זָאגְט: פּוּנְקְט וִוי דִי תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים אוּן דִי רִאשׁוֹנִים אוּן אַחֲרוֹנִים הָאבְּן דָאס גֶעלֶערְנְט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ס, קֶען אִיךְ דָאס אוֹיךְ לֶערְנֶען אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועל אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס.

רֶבִּי לֵוִי גִיבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַן אַנְדֶערְן מָשָׁל: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן אִים אָנְפִילְן אַ פַּאס, וָואס דִי פַּאס הָאט גֶעהַאט אַ לָאךְ, וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִיז אַרוֹיס גֶערוּנֶען, **טִפֵּשׁ אוֹמֵר: מָה אֲנִי מוֹעִיל?!** - דֶער שׁוֹטֶה וִויל נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶר זָאגְט: אַלֶעס רִינְט דָאךְ אַרוֹיס, אִיךְ טוּה גָארְנִישְׁט אוֹיף! **פִּיקֵחַ אוֹמֵר: וְלֹא שְׂכַר כָּל חָבִית וְחָבִית אֲנִי נוֹטֵל?!** - אָבֶער אַ קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ זָאגְט: וָואס גֵייט מִיךְ אָן אַז עֶס רִינְט אַרוֹיס? דֶער עִיקָר אִיז, אַז אִיךְ בַּאקוּם מֵיין גֶעלְט פַארְן אָנְפִילְן דִי פַּאס! **כָּךְ טִפֵּשׁ אוֹמֵר: מָה אֲנִי מוֹעִיל לִלְמוֹד תּוֹרָה וּמְשַׁכְּחָהּ?!** - אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי

תּוֹרָה, אַ שׁוֹטֶה זָאגְט: וָואס הָאב אִיךְ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ פַּארְגֶעס דָאךְ סַיי ווִי אַלֶעס, אִיךְ טוּה גָארְנִישְׁט אוֹיף! **פִּיקֵחַ אוֹמֵר: וְלֹא שְׂכַר יְגִיעָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹתֵן?!** - אָבֶער אַ קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ זָאגְט: וָואס גֵייט מִיךְ אָן אַז אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען אוּן אִיךְ פַּארְגֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַּאר דֶעם!

אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת נָשֹׂא, פֶּרֶק יב, סִימָן יא): **לָמָּה נִמְשְׁלָה תּוֹרָה לִתְאֵנָה?** - פַּארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכֶענְט צוּ אַ פַּייגְן בּוֹים? **שֶׁרוֹב הָאִילָנוֹת, נִלְקָטִים כְּאֶחָת** — גֶעוֶוענְדְלִיךְ בֵּיימֶער וֶוערְן גֶעצֵייטִיגְט אוֹיף אֵיין מָאל אוּן מֶען קְלוֹיבְּט עֶס אוֹיף אֵיין מָאל, **וְהַתְּאֵנָה נִלְקֶטֶת מְעַט מְעַט** - אָבֶער אַ פַּייגְן בּוֹים וֶוערְט נִישְׁט גֶעצֵייטִיגְט אוֹיף אֵיין מָאל, נָאר הַיינְט וֶוערְט גֶעצֵייטִיגְט אֵיין פַּייג אוּן מָארְגְן נָאךְ אֵיינְס א.א.וו. **כָּךְ הַתּוֹרָה: הַיּוֹם לוֹמֵד מְעַט, וּלְמָחָר הַרְבֵּה** - אַזוֹי אוֹיךְ דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיף אֵיין מָאל, נָאר מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דַארְף מֶען הָאבְּן

אַסאַךְ סַבְלָנוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו): **וְסִפֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה בְּעִנְיָן זֶה** - רֶבִּי נָתָן פַּארְצֵיילְט: דֶער רֶבִּי הָאט אַסאַךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אוּנְז פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז עֶס אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט אַסאַךְ מְדַקְדֵק זַיין, זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אֵיין עִנְיָן צוּם צְוֵוייטְן, נָאר דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ פַּארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוּן אוֹיבּ דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין, נָאר דוּ זָאלְסְט גֵיין וַוייטֶער, עַל פִּי רוֹב וֶועסְטוּ פַּארְשְׁטֵיין וָואס דוּ הָאסְט פְרִיעֶר נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען, אוֹיבּ וֶועסְטוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אִין אַ סֵדֶר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): **שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר** - מֶען דַארְף נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, נָאר סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן דוּ וֶועסְט פוּן זִיךְ אַלֵיין פַּארְשְׁטֵיין, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן אִין אָנְהֵייבּ, אַז דוּ ווִילְסְט תֵּיכֶּף פַּארְשְׁטֵיין, נָאר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין לֶערְנֶען אוּן דוּ וֶועסְט פוּן זִיךְ אַלֵיין פַּארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ שְׁפֶּעטֶער פַּארְשְׁטֵיין, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַלֶעס פַּארְשְׁטֵיין, אִיז

אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט, ע"א): אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מָאל דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים פוּן דִי דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן דִי שְׁמוּעֶס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן עֶר קֶען בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, וַוייל וֶוען מֶען אִיז צוּ סַאךְ מְדַקְדֵק קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטֵיין, עֶס צוּמִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דִי פַאקְט אִיז אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט אִינְגַאנְצְן צוּ לֶערְנֶען וֶועגְן דֶעם, אָבֶּער אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, בְּלַייבְּט דִי תּוֹרָה אִין אִים, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, גְמָרָא, פּוֹסְקִים, תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, מֶדְרָשִׁים, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אוּן נָאךְ סְפָרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): **רָאוּי לְאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים** - עֶס אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דוּרְךְ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען זֶעהט אַז דִי שָׂרִים פִירְן זִיךְ אַרוּמְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, אַז נָאכְדֶעם זָאלְן זֵיי זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל, דִי זֶעלְבֶּע זָאל אַ מֶענְטְשׁ זֶעהן אַ דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל אוּן עֶר הָאט דוּרְךְ גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אָבֶּער צוּ קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אִין לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אָדֶער טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז צוּ סַאךְ אוּן אִיךְ קוּם אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן נָאר וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין. אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ לַאנְגֶע דְרוּשׁ אָדֶער אַ לַאנְגֶע פִּלְפּוּל זָאל מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען דָאס עֶנְדִיגְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶס אִיז צוּ לַאנְג, אָדֶער

עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, וַוייל אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי יז, כד): **וְעֵינֵי כְסִיל בִּקְצֵה הָאָרֶץ**, רַשִׁ״י זָאגְט דָארְט אַז דֶער שׁוֹטֶה זָאגְט: וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ לֶערְנֶען מַסֶכֶת כֵּלִים עֶס הָאט דָאךְ דְרַייסִיג פְּרָקִים, אָבֶער דֶער חָכָם זָאגְט: הַיינְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען צְוֵויי פְּרָקִים אוּן מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען צְוֵויי פְּרָקִים בִּיז אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת.

עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף אַלֶע מְלַמְדִים אוּן מַגִידֵי שִׁיעוּרִים, דָאס מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוערְן פוּן אַ לַאנְגֶע חִידוּשׁ, נָאר זֵיי זָאלְן פְּרָאבִּירְן צוּ צוּלֵייגְן קָאפּ אוֹיף אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דוּרְךְ דֶעם קֶען אַ יֶעדֶער אֵיינֶער פַארְשְׁטֵיין אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע דְרוּשׁ, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ.

אוֹיב וִוילְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, דוּ וִוילְסְט אָנְהֵייבְּן גְמָרָא אִין אַ סֵדֶר, דָאס הֵייסְט אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן נָאךְ דֶעם מַסֶכֶת שַׁבָּת א.א.וו. אָדֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִים אוּן עֶנְדִיגְן בִּיז סוֹף חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּהן נָאר

מִיט סַבְלָנוּת, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען דוּ זֶעהסְט אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַזוֹי אַסַאךְ צוּ עֶנְדִיגְן, נָאר דוּ זָאלְסְט אֵייבִּיג קוּקְן וִוי פִּיל דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט, אוּן נִישְׁט וִוי פִּיל דוּ הָאסְט נָאךְ צוּ לֶערְנֶען.

אֲפִילוּ דוּ זֶעהסְט אַז דוּ הָאסְט אַלֶעס פַארְגֶעסְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת, נָאר גֵיי וַוייטֶער בִּיזְן סוֹף, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַאר דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): **וְדַע שֶׁלְעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח** - אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לֶערְנְט מֶען מִיטְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט אַלֶעס פַארְגֶעסְן. אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (קֹהֶלֶת רַבָּה, פֶּרֶק א, סִימָן לד): **רַבִּי אַבָּהוּ אָמַר: זֶה שִׁפּוּטָהּ שֶׁל תּוֹרָה, שֶׁאָדָם לֹמֵד תּוֹרָה וְשׁוֹכְחָהּ** - דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן דִי תּוֹרָה, אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען פַארְגֶעסְט, **רַבִּי טוֹבִיָּה בְּשֵׁם רַבִּי יִצְחָק: לְטוֹבָתוֹ אָדָם לוֹמֵד תּוֹרָה וְשׁוֹכֵחַ** - עֶס אִיז אַ טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, **שֶׁאִילּוּ הָיָה אָדָם לוֹמֵד תּוֹרָה וְלֹא שְׁכָחָהּ,**

**הָיָה מִתְעַסֵּק בַּתּוֹרָה שְׁתַּיִם וְשָׁלֹשׁ שָׁנִים, וְחוֹזֵר וּמִתְעַסֵּק בִּמְלַאכְתּוֹ, וְלֹא הָיָה מַשְׁגִּיחַ בָּהּ לְעוֹלָם, כָּל יָמָיו** - וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס עֶר לֶערְנְט, וָואלְט עֶר גֶעלֶערְנְט צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי יָאר, און גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן, און מֶער נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט דִי תּוֹרָה, און וַוייל עֶר פַארְגֶעסְט כְּסֵדֶר, גֵייט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק פון דִי תּוֹרָה נָאר עֶר הַאלְט און אֵיין חַזֶר׳ן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

דִי זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר יֶעצְט גֶעזָאגְט, אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וָואס עֶס גֵייט אַ דוּרְךְ אוֹיף יֶעדֶע מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריקַייטְן, מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים און מֶען וִויל שׁוֹין מַאכְן אַ שִׁיעוּר, פַאלְט מֶען פון דִי כּוֹחוֹת, און מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: "וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ דַף גְּמָרָא אָדֶער אַ סִימָן שֻׁלְחָן עָרוּךְ? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי סֵיי ווִי גָאר נִישְׁט! אִיךְ וֶועל עֶס דָאךְ סֵיי וִוי פַארְגֶעסְן!", מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי סֵיי וִוי נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען, אַנְשְׁטָאטְס צוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת און זָאגְן אֵיין פֶּרֶק

נָאכְן צְוֵוייטְן, נֶעמְט מֶען אַ צַייטוּנְג אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל, אָדֶער זִיצְט מֶען אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְט צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, מֶען פְּלוֹידֶערְט מִיט דִי וַוייבּ אָדֶער מִיט חֲבֵרִים, בִּיז עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיקְל צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט קֵיין גְמָרָא אוּן עֶר בְּלַייבְּט אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ. חוּץ מִזֶה, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג אוּן דִי שָׁעָה וָואס דוּ וֶועסְט דַארְפְן צוּרִיקְגֶעבְּן דַיין נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶס זַיין נַאקֶעט אָן קְלֵיידֶער, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז גָאר נִישְׁט חָשׁוּב נָאר דִי בִּיסְל תּוֹרָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַרַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

אָבֶּער וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר לֶערְנְט אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶר עֶפֶענְט אוֹיף דִי גְמָרָא אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קֵיין אֵיין וָוארְט הֵייבְּט עֶר אָן זָאגְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אוּן עֶר נֶעמְט אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ פוּן אָנְהֵייבּ אוֹרַח חַיִים, עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן אַ סִימָן נָאךְ אַ סִימָן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַ דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶוען עֶר הָאט נָאר אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועט עֶר סוֹף כָּל

סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כֻּלוֹ, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג, עֶר וֶועט דַארְפְן צוּרִיק גֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין נַאקֶעט אָן קְלֵיידֶער, עֶר וֶועט הָאבְּן מִיט וָואס צוּרִיקְצוּגֵיין, עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס קֶענֶען זִינְגֶען וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן.

אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, פֶּרֶק נב, סִימָן ג): **אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת בְּמִי שֶׁעָמֵל בָּהּ? בְּיוֹם אַחֲרוֹן** - וֶוען זֶעהט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהן מִיט זַיין תּוֹרָה? בַּיי דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן. וַוייל אִין דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּנֶעם לֶעבְּן, זוּכְט מֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן אִין גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּן מֶען דֶערְמַאנְט עֶס אִים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל אַ יֶעדְן טָאג וִוי לְמָשָׁל אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַפָּאר פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַפָּאר שִׁירוֹת גְמָרָא א.א.וו. אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן, אָבֶער בַּיים לֶעצְטְן טָאג קוּמְט אִים אַלֶעס צוּנִיץ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (שָׁם): **וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן, מַהוּ לְיוֹם אַחֲרוֹן? שֶׁכָּל מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים מְתֻקָּן לָהֶם לָעוֹלָם הַבָּא** - אַז בַּיים לֶעצְטְן

טָאג פוּנֶעם לֶעבְּן, וַוייְזְט מֶען פַאר דִי צַדִיקִים זֵייעֶר שְׂכַר.

דִי מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען רֶבִּי אַבָּהוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעזֶעהן דִי גַאנְצֶע גוּטְס וָואס אִיז אִים אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **הִתְחִיל שָׂמֵחַ וְאֹמֵר: כָּל אִלֵּין דְאַבָּהוּ? וַאֲנִי אָמַרְתִּי: לָרִיק יָגַעְתִּי לְתוֹהוּ וָהֶבֶל כֹּחִי כָּלִיתִי** - הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵייט, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט: "דָאס אַלֶעס אִיז פַאר מִיר? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ אוּמְזִיסְט גֶעפְּלָאגְט!", זֶעהט מֶען פוּן דָא אַז אֲפִילוּ רֶבִּי אַבָּהוּ הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּמְזִיסְט אוּן בַּיי דִי לֶעצְטֶע טָאג הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהן אוֹיף דִי וֶועלְט.

כָּל שֶׁכֵּן פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן וַוייְזְט מֶען נִישְׁט בִּשְׁעַתְ'ן לֶעבְּן וָואס זֵיי טוּהן אוֹיף, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט, אַז דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פוּן דִי פָּסוּק (בְּרָכוֹת ב, ע"א): **וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים**, אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, **וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ** - אַז וֶוען דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער פוּן דֶער מֶענְטְשׁ, **וְטָהֵר** - דֶעמָאלְטְס וַוייְזְט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהן אוֹיף דִי וֶועלְט.

וֶועגְן דֶעם, טָאר אַ מֶענְטְש קֵיינְמָאל נִישְׁט פִּילְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ! זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, עֶר זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין זַיין סֶדֶר הַלִּימוּד צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ סֶדֶר נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ פוּן דִי טֶעג אִין יָארְן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז לְמַעֲשֶׂה פַארְגֶעס אִיךְ וָואס אִיךְ לֶערְן, וַוייל דִי עִיקָר כַּוָּונָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה דַארְף זַיין לִשְׁמָהּ דָאס הֵייסְט אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה פַאר מֵיין נְשָׁמָה אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאל אִיךְ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, ד): **לֹא הָיְתָה הַתּוֹרָה צְרִיכָה לִינָּתֵן לְיִשְׂרָאֵל בָּעוֹלָם הַזֶּה, לָמָּה? שֶׁהַכֹּל עֲתִידִין לִהְיוֹת לְמֵדִין תּוֹרָה מִפִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לָעוֹלָם הַבָּא** - דִי תּוֹרָה וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעגֶעבְּן וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר דִי יוּדְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט דָאס מִיט אוּנְז לֶערְנֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **וְלָמָּה נְתָנָהּ לָהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה? שֶׁכְּשֶׁיָּבֹא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְלַמְּדָם בָּעוֹלָם הַבָּא, יִהְיוּ הַכֹּל יוֹדְעִין בְּאֵיזֶה פָּרָשָׁה הוּא עָסוּק** - אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען עֶס אוּנְז

גֶעגֶעבְּן? וַוייל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט אוּנְז תּוֹרָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, זָאלְן מִיר קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן, זֶעהט מֶען פוּן דָא, אַז דִי עִיקָר תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט אַ יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען.

בְּאֶמֶת וֶוער עֶס הָאט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל זֶעהט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין צַייט, דִי טֶעג אוּן דִי נֶעכְט פְלִיעֶן אַזוֹי וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיעֶט, דִי יָארְן לוֹיפְן וִוי אַ חָלוֹם, אָט אִיז טָאג אָט אִיז נַאכְט, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אָט אִיז דָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן אוּן אָט אִיז נִישְׁט דָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן", אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זָאגְט נֶעכְטְן הָאט עֶר נָאךְ גֶעלֶעבְּט אוּן הַיינְט אִיז עֶר שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה, פֶּרֶק ו, סִימָן יג): **הוֹאִיל וְהֶבֶל הֵם יָמָיו שֶׁל אָדָם וּכְצֵל הֵם** - אַ מֶענְטְשְׁס לֶעבְּן אִיז פִיל מִיט נַארִישְׁקַייטְן, דִי טֶעג לוֹיפְן וִוי אַ שָׁאטְן, **מַה הֲנָאָה יֵשׁ לוֹ בַּחַיִּים? אֶלָּא יִתְעַסֵּק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה שֶׁכֻּלָּהּ חַיִּים** - וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּהן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט

לֶעבְּן ? עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה. וֶועגְן דֶעם אַ מֶענְטְשׁ וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, זָאל עֶר כָאטְשׁ אַרַייְנְכַאפְּן אַפָּאר שׁוּרוֹת גְמָרָא אָדֶער אַ מִשְׁנָה, און עֶר זָאל עֶס לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן זָאל עֶר כָאטְשִׁיג עֶנְדִיגְן אֵייְנְמָאל שַׁ"ס.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת, טָאר נִישְׁט צוּקְלַאפְּט וֶוערְן, נָאר עֶר זָאל זִיךְ פְּרַייעֶן אַז עֶר לֵייגְט טַלִּית און תְּפִילִין אַ יֶעדְן טָאג, און עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע צְוֵויי מָאל אַ טָאג, וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (מְנָחוֹת צט, ע"א): **אֲפִילוּ לֹא קָרָא אָדָם אֶלָּא קְרִיאַת שְׁמַע שַׁחֲרִית וְעַרְבִית, קִיֵּים לֹא יָמוּשׁ** – אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גָארְנִישְׁט נָאר עֶר הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע צוּפְרִי און בַּיינַאכְט, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

אַז דוּ בִּיסְט פַּארְיָאגְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ קוֹים קוֹים וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ כַאפְּן דִי אָטֶעם, זָאלְסְטוּ זֶעהן כָאטְשִׁיג צוּ לֶערְנֶען שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנָּא דְבֵי' אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק א): **אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים, יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלוֹ תּוֹרָה**

- אֲפִילוּ דִי אַרְבֶּעטְסְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ און דוּ בִּיסְט זַייעֶר פַארְנוּמֶען זָאלְסְטוּ כָאטְשִׁיג לֶערְנֶען אִין שַׁבָּת.

דָאס אַלֶעס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַז אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט און פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצֶען טָאג, זָאלְסְטוּ כָאטְשִׁיג זֶעהן אַרַיינְצוּכַאפְּן און אַרָאפְּ'גַנְבֶ'ענֶען אַבִּיסְל פוּן דַיין צַייט פַאר דַיין אֵייבִּיגֶע תַּכְלִית, עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּב אַ יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה, אַ יֶעדֶע שׁוּרָה גְמָרָא, אַ יֶעדֶע פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כֻּלוֹ, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זַיין דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט. כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ יֶעדְן טָאג, דוּ פַארְצֵיילְסְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַ דוּרְךְ און דוּ זָאגְסְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְיָאגְט פַאר פַּרְנָסָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק לֶערְנֶען, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה!"**, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס וַוארְט דִיר אָפּ, וואוֹיל אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

*

## "סַבְלָנוּת פַאר אַ בָּחוּר וָואס וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה"

אוֹיךְ אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אוּן וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶע פֵייעֶר פוּן דִי ע׳ אוּמוֹת, וָואס דָאס אִיז תַּאֲווֹת נָאוּף וָואס בְּרֶענְט אִין אִים פַּאלְט עֶר אַרַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲ״ל. אוֹיךְ אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי מִיאוּסֶ׳ע עֲבֵירָה, בִּיז זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד זֶענֶען אוֹיסְגֶעגְרִיסְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי בִּיטֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַאר וֶועמֶען צוּ דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר צַעַר, קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זֵייעֶר הַארְץ, זֵיי גֵייעֶן אַזוֹי אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט אָנְגֶעפִילְט מִיט וֵוייטָאגְן, עֶס אִיז זֵיי בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, זֵיי גֵייעֶן אַרוּם מִיט מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲ״ל, וַוייל דִי מִיאוּסֶ׳ע עֲבֵירָה טוּט פַארְדַארְבְּן דִי לֶעבְּן אוּן דִי מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ. זֵיי פִילְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, זֵיי טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט יָאגְט זֵיי נָאךְ.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין זִכָּרוֹן צוּ גֶעדֶענְקְן דָאס לֶערְנֶען אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, וֶוערְן זֵיי מוֹרָא׳דִיג צוּבְּרָאכְן, אוּן וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען פַארְבְּרֶענְגֶען זֵיי דִי טֶעג אוּן דִי

נֶעכְט מִיט סְתָם פְּלוֹידֶערַייעֶן אוּן דְבָרִים בְּטֵלִים. אוֹיךְ אִיז דָא וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט נַשְׁגַ"ז מַמָּשׁ רַחֲ"ל, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיס הֶפְקֵרוּת.

אוֹיךְ צוּ זֵיי קוּמְט דֶער רֶבִּי, אוּן עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט זֵיי דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז "**אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל** - עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי מֶען אִיז דֶערְנָאךְ". דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דָאס אִיז: **ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ**, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ זָאל מֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט זָארְגְן, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי עֲבֵירָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּ זַיין אַן עָרוּב.

כָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען אוֹיף זַיין הֵיילִיגְן צִיּוֹן אִין דִי שְׁטָאט אוּמָן, אוּן דָארְט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי מַבְטִיחַ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה, מִיט צְוֵויי בַּאגְלֵייבְּטֶע עֵדִים, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַהֲרֹן דִי רָב פוּן בְּרֶסְלַב, אוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי, דֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט: **אֲפִילוּ אִם עָמְקוּ וְרָחֲבוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו יוֹצִיאֶם מִן הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו** - אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, אוּן וֶוער עֶס ווִיל פַּארֶעכְטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, זָאל טוּהן וָואס עֶר קֶען נָאר טוּהן, אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳נְס צִיוּן מוֹרֵנוּ הָרַב רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין שְׁטָאט אוּמָן, דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען דָארְט.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי מִיאוּסֶ׳ע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲ״ל, אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה, דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַזוֹי ווִי דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט דַיין חַבֵר, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער זָאלְסְטוּ פַּארְצֵיילְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאלְסְט אִים זָאגְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זִינְדִיגְן אִין**

פְּגַם הַבְּרִית, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ וְויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּהן עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ פֵייעֶר פוּן נִאוּף, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מֵיין נְשָׁמָה, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיין שְׁמוּץ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וְוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ טוּהן נַארִישְׁקַייטְן, זַאכְן וָואס זֶענֶען קֶעגְן דַיין רָצוֹן, צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?! נָאר דוּ קֶענְסְט מִיךְ הֶעלְפְן!", דָאס זָאלְסְטוּ טוּהן אַ יֶעדְן טָאג, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי עֲבֵירָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּהן יֶעדְן טָאג, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע שְׁמוּץ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): **אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רַע עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת, חַס וְשָׁלוֹם** - אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע נֶעץ, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעווָאוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת רַחֲ"ל, **אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל**

**כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵירוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם, חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם כָּךְ וָכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד** - מִיט דֶעם אַלֶעם דוּרְךְ דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶר עֲבֵירוֹת, דָאס הֵייסְט, אוֹיב וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ צוּ לֶערְנֶען כַּךְ וְכַךְ, וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶר עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה, אַז אֲפִילוּ אַ בַּעַל עֲבֵירָה קֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער יוּד אוֹיבּ מַאכְט עֶר אַ שִׁיעוּר אִין דִי תּוֹרָה, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט דֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?! לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית!", דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אָז עֶס קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה, ע"א): **כָּל הָעוֹסֵק בְּתּוֹרָה, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲוֹנוֹתָיו** - וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן זֵיי (רֹאשׁ הַשָּׁנָה

יח, ע״א): **בְּזֶבַח וּמִנְחָה אֵינוֹ מִתְכַּפֵּר, אֲבָל מִתְכַּפֵּר בְּדִבְרֵי תּוֹרָה** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁווָאוֹירְן אוֹיף דִי קִינְדֶער פוּן עֵלִי הַכֹּהֵן, אַז עֶר וֶועט זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל זַיין זֵייעֶר עֲבֵירָה, זָאגְט דִי גְמָרָא: דוּרְךְ אַ קָרְבָּן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קֵיין כַּפָּרָה אָבֶּער דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יָא מוֹחֵל זַיין. אִין נָאךְ זָאגְן זֵיי (יְרוּשַׁלְמִי, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): **כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם** - אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, רֶעכְנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר! טַייעֶרֶע בָּחוּר וָואס דוּ לִיגְסְט אִין עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲ״ל, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן זֵיי דִיךְ קוֹבֵעַ אַ פֶּעסְטֶע שִׁיעוּר אִין לִימוּד הַתּוֹרָה דַוְקָא כְּסִדְרָן, פוּן אָנְהֵייבּ גֵיין אִין אַ סֵדֶר, אֲפִילוּ דַיין מֹחַ אִיז נָאךְ פַארְשְׁמִירְט פוּן דִי מִיאוּסֶ׳ע עֲבֵירוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר דִי יֵצֶר הָרָע, דוּ פַאלְסְט טִיפֶער אוּן טִיפֶער, דוּ וֶוערְסְט כִּמְעַט פַארְלוֹירְן, דָאךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פִילְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר זָאלְסְט דִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אוֹיבּ קֶענְסְטוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ קַבָּלָה בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שְׁמוּץ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעווארוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אָבֶער דוּרְךְ תּוֹרָה קֶען עֶר אַרוֹיס גֵיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע יוּד, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ רַבָּה, פַּרְשַׁת צַו, פֶּרֶק ז, סִימָן ג): **אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת, אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת** - מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט קוּמֶען נָאר אִין דִי זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת. אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן א): **הַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָאו, וְהַוָאו הוּא צוּרַת מַקֵּל, הַיְנוּ שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם, כִּי בַּעַל עֲבֵרָה הוּא מְשֻׁגָּע** - דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ ו׳, אוּן אַ ו׳ קוּקְט אוֹיס וִוי אַ שְׁטֶעקְן, וָואס מִיט דֶעם שְׁלָאגְט מֶען אוּן מֶען אוּנְטֶערְדְרִיקְט דִי יֵצֶר הָרָע, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף ו׳ סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַז דָאס הָאט אַ כֹּחַ מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי יֵצֶר הָרָע

וָואס מַאכְט מְשׁוּגָע דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִינְדִיגְן, און מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע כֹּחַ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי יֵצֶר הָרָע פוּן נִאוּף, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ.

אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאג וִויפִיל דִי קֶענְסְט אֲפִילוּ אַבִּיסְל, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִין אָנְהֵייבּ נָאר מְחַבֵּר און רְמָ״א, און נָאךְ אַסַאךְ שִׁיעוּרִים וִוי תַּנַ״ךְ זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת. אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, צוּלִיבּ דַיין פַארְקְרוּמְטֶע און פַארְדְרֵייטֶע דַעַת, פוּן דֶעם וַוייל דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט אִין תַּאֲווֹת נִאוּף, דָאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ **זָאגְן** אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און דוּרְךְ דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה וָואס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק וֶועסְטוּ צוּבְּרֶעכְן דִי יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל, ע״א): **אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: בָּנַי! בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדוֹ, אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן יוּד: אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן אַ יֵצֶר הָרָע אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה וָואס דָאס אִיז אַ מֶעדִיצִין

פַאר דֶעם, אוֹיבּ לֶערְנְסְטוּ תּוֹרָה וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין זַיינֶע הֶענְט. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (עֲבוֹדָה זָרָה ה, ע"א): **אַשְׁרֵיהֶן יִשְׂרָאֵל, בִּזְמַן שֶׁעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה, יִצְרָם מָסוּר בְּיָדָם, וְאֵין הֵם מְסוּרִים בְּיָדוֹ** - וואוּיל אִיז פַאר דִי יוּדְן, וֶוען זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי יֵצֶר הָרָע. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מְנָחוֹת קי, ע"א): **כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא עוֹלָה וְלֹא חַטָּאת וְלֹא מִנְחָה וְלֹא אָשָׁם** - וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, דַארְף נִישְׁט קֵיין קָרְבָּנוֹת צוּ פַארְצֵייעֶן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, דִי תּוֹרָה דָאס אִיז אִים מְטַהֵר.

בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן צוּ זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה פוּן לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת, קֶען מֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין דִי גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן כה): **כְּשֶׁעוֹשֶׂה מִתּוֹרָה תְּפִלָּה, מִזֶּה נַעֲשֶׂה שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים מְאֹד לְמַעְלָה** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט פוּן תּוֹרָה תְּפִילָה, דָאס הֵייסְט וֶוען דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה פוּן אַ צַדִּיק אוּן דוּ זֶעהסְט דָארְט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן זָאלְסְטוּ גְלַייךְ מַאכְן אַ תְּפִילָה אוּן בֶּעטְן:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלֶערְנְט!"**, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט פוּן דֶעם, מֶען אִיז דִיר מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת דוּרְךְ דֶעם (עַיֵין בְּלִקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה).

אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, סַיי בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן כָּל שֶׁכֵּן בַּיים לֶערְנֶען. דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט גָארְנִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט נָאר דוּ זָאגְסְט סְתָּם דִי וֶוערְטֶער אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שָׂטָן אוּן אַלֶע מַשְׁחִיתִים קֶענֶען צוּ דִיר נִישְׁט צוּרִירְן, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן. וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק יח): **בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה גָּדוֹל כֹּחָהּ שֶׁל תּוֹרָה, שֶׁמְּטַהֶרֶת אֶת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בִּזְמַן שֶׁעוֹשִׂין תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ מֵעֲבוֹדָה זָרָה שֶׁבְּיָדָם** - קוּם אוּן זֶעה דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן תּוֹרָה, דָאס וַואשְׁט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ דִי עֲבֵירָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה. נָאךְ שְׁטֵייט דָארְט: **כִּי אֵין טָהֳרָה אֶלָּא דִבְרֵי תוֹרָה** - אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט רֵיין וֶוערְן פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת נָאר אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה. אִין חֲזַ"ל זָאגְן

(מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, מִשְׁלֵי י) : **אֵין לָךְ צְדָקָה שֶׁמַּצֶּלֶת מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם אֶלָּא תּוֹרָה בִּלְבַד** - אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט רַאטֶעוֶועןן פוּן דִי פַייֶער פוּן גֵיהִנוֹם נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל אַ בָּחוּר וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית אוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲ״ל, אִיז צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר, עֶר זוּכְט אוּן עֶר בֶּעט אַלֶע מִינֵי תִּקּוּנִים, אוּן אַ יֶעדֶער פַארְדְרֵייט אִים דִי קָאפּ, עֶר לוֹיפְט אַרוּם צוּ אַלֶע חֲכָמִים צוּ אַלֶע בַּעֲלֵי מְקֻבָּלִים, אוּן זֵיי גֶעבְּן אִים כָּל מִינֵי עֵצוֹת אוּן סְגֻלוֹת וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם תּוֹכֶן. וֶועגְן דֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן אוּן דוּ ווִילְסְט אַלֶעס פַארֶעכְטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קֵיין שׁוּם צֵייכְן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, נָאךְ מֶער, עֶס זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת, זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, בִּפְרַט זָאלְסְטוּ זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ יֶעדְן טָאג, זָאל זַיין מִיט דִיר וָואס זָאל זַיין, דוּ זָאלְסְט בַּיי דִיר אָפְּמַאכְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל: ״אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵיי נִישְׁט

אַוֶועק!״, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אִיךְ זֶעה נִישְׁט מִיט מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ טוּה דָא אוֹיף אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר אַדְרַבָּה אִיךְ זֶעה פַארְקֶערְט וִוי אִיךְ גֵיי מַטָה מַטָה און אִיךְ הַאלְט אוּן אֵיין פַאלְן אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירָה, מִיט דֶעם אַלֶעם ״אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵיי נִישְׁט אַוֶועק!״, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וַוייטֶער ווִילְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַלֶעס וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס רַחְמָנוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

דִי עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן און דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אֲפִילוּ דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶעהן צוּ מַאכְן אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה און אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, אֲפִילוּ דוּ זֶעהסְט אַז דוּ פַאלְסְט נָאךְ מֶער אַרָאפּ רַחֲ״ל, דָאךְ זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיין רָצוֹן, דוּ זָאלְסְט נָאכְלוֹיפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פַאלְן זֵייעֶר טִיף, וַוייל קֵיין שׁוּם גוּטֶע ווִילְן, און אַוַודַאי אַ גוּטֶע דִיבּוּר וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ טוּהסְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט דִיר טֶעג אוּן יָארְן אוּן דוּ זֶעהסְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף, אַדְרַבָּה עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז דוּ וֶועְרסְט עֶרְגֶער, דָאךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן אוּן אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקְשַׁאפְטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ **וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר, וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן מְגוּלְגָל וֶוערְן, אוּן מִיט מַאכְן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט אִין זַיין לֶעבְן. וַוייל אִין דִי לֶעצְטֶע טָאג, זַאמְלְן זִיךְ אַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּהן אַ יֶעדְן טָאג, אוּן אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת פוּן אַ יֶעדֶע טָאג, אוּן נָאר דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג. דֶעמָאלְסְט וֶועט אַ יֶעדֶער זֶעהן דִי חִילוּק פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אוּן זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוֹיפְן תַּכְלִית, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם בִּשְׁלֵימוּת, צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ט, ע"א) אוֹיפְן פָּסוּק (מַלְאָכִי ג, יח): **וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע, שֶׁיִּהְיֶה חִילוּק אֲפִילוּ בֵּין מִי שֶׁשָּׁנָה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים, לְמִי שֶׁשָּׁנָה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד** - עֶס וֶועט זַיין אַ חִילוּק צְווִישְׁן אֵיינֶער וָואס

הָאט גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט מָאל, צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

וֶועגְן דֶעם! דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת. בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲ"ל, אִיז אֵייבִּיג נֶערְוֶועז אוּן אֵייבִּיג אִין כַּעַס. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): **מִי שֶׁעוֹבֵר עֲבֵירָה זוּ שֶׁל עֵר חַס וְשָׁלוֹם, הוּא רַע תָּמִיד, שֶׁקּוֹרִין בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בֵּייז, דְהַיְינוּ: שֶׁהוּא אִישׁ רָע וּבְכַעַס תָּמִיד** - וֶוער עֶס הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר, וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית, אִיז שְׁטֶענְדִיג בֵּייז. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג רוּהִיג, אוּן גֶעדוּלְדִיג קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט אוֹיף דִי וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּנֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, זֵיי זֶעעֶן דִיר נִישְׁט גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן, קוּק נָאר אוֹיף דִיר אוּן פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין, אָמֵן.

**"תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל עֶלְיוֹן"**

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**